YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv02i06

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 2 Issue 6
February 1920

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 2, Iss. 6)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/11

GERECHTIGKEIT — (JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, ו).
אן מיין גערעכטיגקייט האַלט איך זיך שטאַרק, און וועל איהר ניט פאַרלאָזען.

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין מקרבים אפילו צו די, צו וועמען עס גלוסט זיך אויס צו זיין אונטערדריקער". וואודראָ ווילסאָן.

אָפיציעלער אָרגאַן פון דער אינטערנעשאַנאַל ליידיעס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן

VOL. II. No. 6. — New York, Friday, Feb. 6, 1920. פרייטאָג, 6־טען פעברואַר. — PRICE 3 CENTS

צום קאַמף געגען די קאָנספּיראַטאָרס!

פאָלגענדען אַפּיעל האָט סעמועל גאָמפּערס, פּרעזידענט פון דער אַמעריקאַן פעדערײשאַן אָוו לייבאָר אַרויסגעלאָזען צו די אָרגאַניזירטע אַרבייטער:

ניט נאָר די אַרבייטער, נאָר אַלע פרייהייטס־ליבענדע מענשען פון גאַנץ יונייטעד סטייטס שטעהען פנים אל פנים געגען די גרעסטע קאָנספּיראַציע, וואָס איז אַמאָל פאַרטראַכט געוואָרען, אום צו פאַרניכטען א דעמאָקראַטישע רעגירונג און עטאַבלירען א אויטאָקראַטיע. דער סטערלינג־גרעהעם סעדישאָן־ביל איז די געפאַהר, וואָס דאַרף אויפוועקען יעדען מענש מיט א שטאַרקע האַרץ, יעדען מענשען, וואָס איז א געטרייער בירגער פון לאַנד. כאָטש דער פּלאַן איז פאַרטראַכט געוואָרען אין דער פינסטער, און געבראַכט פּלוצלונג צו ליכטיגקייט מיט דעם אבזיכט צו מאַכען עס צום געזעץ, איידער דאָס פאָלק זאָל באַגרייפען זיין גאַנצע געפאַהר, איז דער דאָזיגער אַנטי־סעדישאָן ביל דערוויל צוריקגעהאַלטען געוואָרען דורך שטאַרקע פּראָטעסטען. און עס איז איצט די אויפגאַבע פון די בירגער פון אונזער באַליעבטער רעפּובליק צו דער'הרג'ענען אינגאַנצען דעם דאָזיגען העכסט־געפעהרליכען געזעץ דורך שיקען פּראָטעסטען נאָך פּראָטעסטען צו זייערע רעספּעקטיווע מיטגלידער פון קאָנגרעס און אין סענאַט.

די צילען פון דעם דאָזיגען אַנטי־סעדישאָן ביל זיינען פאָלגענדע:

אויפצוהעבען די פרייהייטען פון פאָלק און אויפשטעלען איהם אונטער א געהיימע אויפפּאַסונג פון דער פּאָליס, פיעל שרעקליכער ווי אין אירגענד א מאָנאַרכיע.

צו מאַכען אַז אַלע קאָרעספּאָנדענצען זאָלען קענען געעפענט, צענזורירט און פאַרניכטעט ווערען פון דעם פּאָסט־אָפיס דעפּאַרטמענט.

צו שיקען אין געפענגניס אירגענד א פּערזאָן אָדער א גרופּע פּערזאָנען, וועלכע שטרעבען צו ענדערען די קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען אָדער אירגענד וועלכען פעדעראַל געזעץ.

פרייע רעדע, פרייע פאַרזאַמלונג און פרייע פּרעסע וועלען אָפּגעשאַפט ווערען.

אומצופרידענהייט וועט קענען אונטער דעם געזעץ ערקלערט ווערען אַלס סעדישאָן (א בונט, א פאַרשווערונג אַראָפּצוואַרפען די רעגירונג).

מאַיעסטעט־באַליידיגונג, די סאַמע פעסטונג פון אויטאָקראַטיע, וועט ווערען זעהר פּאָפּולער ביי די, וואָס זיינען אין מאַכט.

דער ביל איז אַזוי אָנגעפּיקעוועט מיט באַהאַלטענע מיינונגען, דאָס א ריכטער וואָלט געקענט ענטשיידען, אַז דאָס מיינט אירגענד וואָס, וואָס ער וואָלט געהאַלטען פאַר נויטיג אום צו פאַראורטיילען א קרבן. ער וואָלט געקענט אויסגענוצט ווערען פון א פּערזענליכען פריינד צו שיקען א צווייטען אַהין אָן אורזאַכע אין געפענגניס.

ווי די ריכטיגקייט איז, איז דער דאָ־

(שלוס אויף זייט 2)

אינהאַלט־פאַרצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 6

זייט 2. די וואָך — נ. ב. צום קאַמף געגען די קאָנספּיראַטאָרס — שלוס פון דער ערשטער זייט.

זייט 3. פון אַלעס צו ביסלאַך — מ. פּערלשטיין.

זייט 4. צוויי עקזעקוטיוו באָארד מיטינגען פון לאָקאַל 25. — י. שעהנהאָלץ. — דער גרויסער פרייהייטס־קאָנפערענץ אין אַלבאַני.

זייט 5. ווי עס אַרבייט דער קראַנקען־פאָנד אין דער סקוירט־מאַכער יוניאָן לאָקאַל 23. — ה. וואַנדער. א בריעף צום רעדאַקטאָר — מ. סילווער.

זייט 6. די פרויען וועלט — ראָזא בעדריק־בלינדער. די געפּייניגטע (ערצעהלונג) — העלל סעניג.

זייט 7. דער מיטינג פון דזשאָינט באָארד — ל. לאַנגער. א גריעג נאָך ליעבע — פּאַולינא וואָלמי.

זייט 8. פון רעדאַקטאָרס נאָטיץ־ביכעל.

זייט 9. דריי מאָנאַטען אויפטו פון דער א. ל. ג. וו. י. — אב. באַראָף.

זייט 10. דער געשריבענער קאָנטראַקט געגען דעם ניט געשריבענעם געזעץ אין אַרבייטער־סכסוכים — עליאַס ליבערמאַן. צו אַלע מאַנזבילען (פעליטאָן) — דער לעבעדיגער.

זייט 11. דער פּלאַן פון איין צענטראַלע יוניאָן קערפּערשאַפט אין ניו יאָרק — ה. לאַנג. קורצע שמועסען צווישען רעדאַקטאָר און לעזער.

זייט 12. לעבען און טעטיגקייט אין די אָפיסעס פון דזשאָינט באָארד — א סטעף־רעפּאָרטער.

זייטען 13, 14, 15 — אַדווערטייזמענטס.

זייט 16. אינטערנעשאַנאַל עדיוקיישאַנאַל דעפּאַרטמענט. דער מיטינג פון לאָקאַל 9 אין קופּער יוניאָן. א דזשענעראַל סטרייק פון לאָקאַל 41. א סטרייק פון ליידיס טיילאָרס, לאָקאַל 80 ביי צוויי גרויסע פירמען.

דרעס מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאַן גיבען נאָך דעם פאַרלאַנג פון דער יוניאָן

די פאַרשידענע קאָנפערענצען, וואָס זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען צווישען די קאָמיטעס פון דער יוניאָן און פון דער אַסס'ן פון די דרעס מאַנופעקטשורערס האָבען ענדליך געפיהרט צו אַן אויסגלייך, און די אַרבייטער קריגען א באַדייטענדע העכערונג אויף זייערע שכירות.

פאַר א געוויסע צייט האָט עס אויסגעזעהן, אַז עס איז שווער פאַר די ביידע צדדים צו קומען צו א פאַרשטענדניס. און די לעצטע קאָנפערענץ האָט זיך אויך ניט געענדיגט מיט קיין בעסערע רעזולטאַטען, אָבער ביים סאַמע סוף איז אַריינגעשפּרונגען מיט זיין שטאַרקער מיטווירקונג דאָקטאָר י. ל. מאַגנעס, און דער סכסוך איז געשליכטעט געוואָרען צו דער צופרידענהייט פון ביידע צדדים.

אין דער לעצטער קאָנפערענץ, וועלכע האָט אויסגעפיהרט דעם סעטעלמענט האָבען זיך פון דער זייט פון דער יוניאָן באַטייליגט: אב. באַראָף, ה. רייזבערג, י. שענהאָלץ, ב. לעווין, י. הורוויץ און ס. שענקין. און פון דער זייט פון דער אַסס'ן פון דער דרעס מאַנופעקטשורערס זיינען געוועזען: ה. ל. פּלאַם, ל. רובין, ל. גאַזהע, א. אַנטמאַן, ל. מאַנדעלשטאַם און י. ציטערמאַן.

דער נייער וויידזש־סקייל איז ווי פאָלגט:

	נייער מינימום	די העכערונג אויף די איצטיגע וויידזשעס
קאַטערס	44 דאָל.	5 דאָל.
דרייפּער	28 דאָל.	3 דאָל.
סעמפּעל מייקערס	30 ד.	3 דאָל.
פינישער	22 דאָל.	3 דאָל.
עקזאַמינערס	22 דאָל.	3 דאָל.
בעלט סטיטשערס	25 דאָל.	3 דאָל.
פּרעסערס	42 דאָל.	3 דאָל.

א צעהן פּראָצענטיגע העכערונג פאַר די שטיק אַרבייטער. דער מינימום איז ווי פאָלגט:

פינישערס — 45 סענט א שטונדע
אָפּערייטאָרס — 90 סענט א שטונדע.
פּרעסערס — 1 דאָלער א שטונדע.

די העכערונג האָט זיך אָנגעפאַנגען פון לעצטען מאָנטאָג, דעם 2טען פעברואַר. נור אַלע אַרבייטען וואָס מען האָט אָנגעפאַנגען פאַר דעם 2טען פעברואַר, וועלען באַצאָהלט ווערען לויט די פריהערדיגע וויידזשעס.

די הויפּט פאָדערונג, אַלזאָ, האָבען די דרעס אַרבייטער, וועלכע געהערען צו די לאָקאַלס 10, 23, 25, 58 און 69 געוואונען. אָבער עס בלייבען נאָך אַלץ פיעלע אַרבייטער, וואָס זיינען באַשעפטיגט אין די שעפּער פון דער ליידיעס וויסט און דרעס מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאַן, וועלכע האָבען נאָך ניט געקראָגען זייערע שכירות געהעכערט.

די לעזער פון דער „גערעכטיגקייט" ווייסען די אורזאַכע. ביז איצט האָבען די מאַנופעקטשורער זיך ענטזאָגט נאָך צו פאַרהאַנדלען די פראַגע. זיי האָבען זיך געשטיצט אויף זייער אַגרימענט. אין דער לעצטער וואָך האָבען זיי אָבער שוין איינגעוויליגט צו האָבען קאָנפערענצען מיט די פאַרשטעהער פון דער יוניאָן, און וועהרענד מיר שרייבען דיזע צייל, געהען אָן פאַרהאַנדלונגען. עס איז זעהר מעגליך, אַז שוין אין די נעקסטע פּאָר טעג זאָלען אויך די וועלכע אַרבייטען מייסטענס ביי ליידיס וויסטס קריגען די פאַרלאַנגטע העכערונג אין זייערע וויידזשעס. איצט, ווען די קלאָוק מאַנופעקטשורערס פון איין זייט און די דרעס מאַנופעקטשורערס פון דער צווייטער זייט האָבען איינגעזעהען די גערעכטיגקייט פון דער אַרבייטער־פאָדערונג צו קריגען א העכערע וויידזש, ווייל פאַר וועניגער איז פּשוט אונמעגליך איצט, אין דעם שרעקליכען יקרות, צו לעבען מעהר אָדער וועניגער מענשליך, וועלען די ליידיעס וויסט אַסס'ן באַלד איינזעהן די אונבאַדינגטע נויטווענדיגקייט צו פאָלגען דעם גוטען ביישפּיעל.

א גענעראַל סטרייק פון פּעטיקאָוט אַרבייטער ערקלערט!

ענדליך האָט די שטונדע געשלאָגען, אויך פאַר די פּעטי־קאָוט אַרבייטער פון ניו יאָרק. דיעזער טרייד איז דער איינציגער, אין דער ליידיעס גאַרמענט אינדוסטריע פון ניו יאָרק, וואָס איז פאַרבליבען פאַרסקעבט, וואָס איז געבליבען אין א ניט־אָרגאַניזירטען צושטאַנד, דאָס איז געווען א שוואַרצער פלעק אויף דעם קערפּער פון אונזער אינטערנעשאָנעל יוניאָן!

די פּעטיקאָוט שעפּער געפינען זיך דאָס רוב אין די זעלבע בילדינגס מיט שעפּער פון אַנדערע טריידס וואָס זיינען שוין לאַנג יוניאָניזירט, און עס איז אויסגעקומען, דאָס וועהרענד פון איין זייט וואַנד זיינען געזעסען ביי דער אַרבייט יוניאָן לייט, אונטער יוניאָן אַרבייטס־באַדינגונגען, זיינען פון דער צווייטער זייט וואַנד געזעסען די פּעטיקאָוט מאַכער, אַלס ניט אָרגאַניזירטע, פאַרחשך'טע שקלאַפען, אונטערגעוואָרפען צו יעדען קאַפּריז פון זייערע באָסעס.

אָבער דאָס וועט שוין מעהר ניט זיין! די אַרבייטער האָבען ענדליך דערהערט דעם רוף פון אונזער אינטערנעשאָנאַל און האָבען באַשלאָסען צו זיין אָרגאַניזירט, צו ווערען א טייל פון אונזער גרויסער אינטערנעשאָנאַל אַרמיי, גלייך מיט די אַרבייטער פון די אַנדערע צווייגען פון דער ליידיס גאַרמענט אינדוסטריע.

דינסטאָג אין דער פריה, ווען דיעזע אַרבייטער זיינען געגאַנגען צו דער אַרבייט האָבען זיי באַקומען א סטרייק־רוף פון דער יוניאָן, פון דער פּעטיקאָוט מאַכער יוניאָן, לאָק. 46, צוזאַמען מיט דער קאַטערס יוניאָן, לאָקאַל 10, אַז זיי ווערען אויפגעפאָדערט צו פאַרלאָזען די שעפּער 10 א זייגער אין דער פריה און צו דער באַשטימטער צייט האָבען די אַרבייטער גענומען מאַרשירען אין האָל, וואָס די יוניאָן האָט פאַר זיי אָנגענומען. לויט די ידיעות וואָס מיר האָבען באַקומען, איז אַרום 60 פּראָצ. פון די אַרבייטער שוין געווען אין די האָלס בעפאָר 12 א זייגער מיטאָג צייט. מען מעג אַלזאָ אויסרופען: בראַוואָ, פּעטיקאָוט מאַכער!

די סטרייקער פאַרזאַמלען זיך אין לייבאָר טעמפּעל, 2טע עוו. און 14טע סט.

צוויי זיגע פון דער אינטערנעשאַנאַל אין באָסטאָן

די וויסט מאַכער יוניאָן לאָק. 49 באַקומט א באַדייטענדע רעיז פאַר די מיטגלידער דורך קאָנפערענצען. — די ריינקאָוט מאַכער יוניאָן לאָק. 7 פיהרט דורך ערפאָלגרייך א גענעראַל סטרייק. — סעקרעטער באַראָף נעמט אַנטייל אין די קאָנפערענצען פון ביידע יוניאָנס און אַדרעסירט אויך די יוניאָן־פאַרזאַמלונגען. — גרויס ענטוזיאַזם צווישען די יוניאָן מיטגלידער מיט דעם אויפטו.

מיט איינינע וואָכען צוריק האָט אונזער וויסטמאַכער יוניאָן פון באָסטאָן אַרויסגעשטעלט פאָדערונגען צו די בעלי־בתים פאַר פאַרבעסערונגען אין טרייד. עס איז פאָרגעקומען איינינע קאָנפערענצען צווישען דער יוניאָן און די מאַנופעקטשורער און עס האָט פון אָנפאַנג געשיינט, אַז עס וועט קומען צו א העפטיגען צוזאַמענשטויס. סעקרעטער באַראָף איז דורך דער צייט געווען איינינע מאָל אין באָסטאָן און עס איז איהם געלונגען לעצטע וואָך צו ברענגען צו א סעטעלמענט, דורך וועלכען די אַרבייטער האָבען געוואונען א באַדייטענדען זיעג.

די פּרעסער און די אונטער־פּרעסער אין דעם טרייד האָבען באַקומען א העכערונג אין שכירות פון 5 דאָלער א וואָך.

אויך די קאַטערס האָבען באַקומען א העכערונג פון 5 דאָלער א וואָך.

אַלע אַנדערע וואָך־אַרבייטער אין דער אינדוסטריע באַקומען א העכערונג פון 3 דאָלער א וואָך.

פאַר די שטיק אַרבייטער אין דער אינדוסטריע איז געהעכערט געוואָרען דער „בייסיק רייט" פון 40 סענט א שטונדע אויף 90 סענט. די קאַטערס און פּרעסערס באַקומען אויך 6 ליגאַל האָלידייס מיט פּעי.

די יוניאָן האָט אויך געוואונען א זיעג אין באַצוג די קאָנטראַקטינג אַרבייט. די מאַנופעקטשורער האָבען זיך פאַרפליכטעט אַרויסצושיקען אַרבייט בלויז צו יוניאָן־קאָנטראַקטאָרס, און דאָס אַרבייט זאָל אַרויסגעשיקט ווערען ערשט דאַן ווען די אינסייד אַרבייטער האָבען גענוג צו טאָן. די מאַנופעקטשורער וועלען אויך זיין פאַראַנטוואָרטליך אין פאַל א קאָנטראַקטאָר באַצאָהלט ניט זיינע אַרבייטער

אינטערנעשאנאל עדיוקיישא-נאל דעפארטמענט

בראנקס יוניטי סענטער, פאבליק סקול 54, אינטערוויל עוועניו און פרימאן סטריט.

פרייטאג אבענד, דעם 30טען לעקטשור איבער מוזיק, פון הערמאן עפשטיין.

שבת בייטאג, אום 2 אוהר, לעקטשור איבער געזונד, פון דר. מערעדיטה. אום 3 אוהר נאכמיטאג, גימנאסטיקס און אונטערהאלטונג.

הארלעם יוניטי סענטער, פאבליק סקול 171, 103טע סט. צווישען 5טען און מעדיסאן עוועניוס.

פרייטאג אבענד, דעם 30טען, לעקטשור איבער ליטעראטור, פון א. גאלדבערג.

שבת אבענד, דעם 31טען, ערעפנונגס פייערונג — רעדען און קאנצערט.

בראנזוויל יוניטי סענטער, פאבליק סקול 84, סטאון און גלענמאר עוועניוס.

פרייטאג אבענד, דעם 30טען, לעקטשור איבער ליטעראטור, פון מיס עללען א. קענאן, בערנארד שאו'ס „מען ענד סופערמען."

ווייסט מאכער יוניטי סענטער, פאבליק סקול 40, 320 איסט 20טעסטריט.

פרייטאג אבענד, דעם 30טען, לעקטשור איבער מוזיק און קאנצערט, פון מיס מאריאן באוער.

בולעטין פאר דער וואך פונ'ם 2טען פעברואר, 1920.

איסט סייד יוניטי סענטער, פאבליק סקול 63, 4טע סטריט און 1טע עוועניו.

מאנטאג אווענד, דעם 2טען פעברואר, לעקטשור איבער טרייד יוניאניזם. מיס מארגארעט דעניעלס.

דאנערשטאג אווענד, דעם 5טען פעברואר, לעקטשור איבער ליטעראטור. — מיס עללען א. קענאן.

דינסטאג אווענד, דעם 3טען פעברואר, גימנאסטיקס און אונטערהאלטונגען.

בראנקס יוניטי סענטער, פאבליק סקול 54, אינטערוויל עוועניו און פרימאן סט.

דינסטאג אווענד, דעם 3טען פעברואר, לעקטשור איבער דער ארבייטער באוועגונג. — דזשארדזש סאול.

פרייטאג אווענד, דעם 6טען פעברואר, לעקטשור איבער מוזיק. —הערמאן עפשטיין.

שבת, דעם 7טען פעברואר, 2 אוהר בייטאג, לעקטשור איבער געזונד (בלויז פאר פרויען) — דר. פלארענס מערעדיטה.

שבת בייטאג, 3 אזייגער — גימנאסטיקס און אונטערהאלטונגען.

צווייטער בראנקס יוניטי סענטער, פאבליק סקול 42, וואשינגטאן עוועניו און קלערמאנט פארקוויי.

מאנטאג אווענד, דעם 2טען פעברואר, לעקטשור איבער דער ארבייטער באוועגונג — דזשארדזש סאול.

דאנערשטאג אווענד, דעם 5טען פעברואר, לעקטשור איבער געזונד. — דר. קעפובער.

פרייטאג אווענד, דעם 6טען פעברואר — לעקטשור איבער ליטעראטור.

דאנערשטאג אווענד, דעם 5טען פעברואר, גימנאסטיקס און אונטערהאלטונג.

הארלעם יוניטי סענטער, פאבליק סקול 171, 103טע סט. צווישען 5טע און מעדיסאן עוועניוס.

דינסטאג אווענד, דעם 3טען פעברואר, לעקטשור איבער דער ארבייטער באוועגונג, — א. ל. ווילבערט.

דאנערשטאג אווענד, דעם 5טען פעברואר, לעקטשור איבער געזונד. — דר. איימי רעמיע.

פרייטאג אבענד, דעם 6טען פעברואר, לעקטשור איבער ליטעראטור (אין איריש) — פראפ. א. גאלדבערג.

בראנזווילער יוניטי סענטער, פאבליק סקול 84, סטאן און גלענמאר עוועניוס.

מיטוואך אווענד, דעם 4טען פעברואר, לעקטשור איבער געזונד . — דר. מארא גרינבערג.

דאנערשטאג אווענד, דעם 5טען פעברואר, לעקטשור איבער טרייד יוניאניזם — מיס מארגארעט דעניעלס.

פרייטאג אווענד, דעם 6טען פעברואר, לעקטשור איבער ליטעראטור — מיס עללען א. קענאן.

דאנערשטאג אווענד, דעם 5טען פעברואר, גימנאסטיקס און אונטערהאלטונג.

ווייסטמאכער יוניטי סענטער, פאבליק סקול 40, 230 איסט 20טע סט.

מאנטאג אווענד, דעם 2טען פעברואר, קלאס אין אריטמעטיק — מר. פרידמאן.

דינסטאג אווענד, דעם 3טען פעברואר, לעקטשור איבער טרייד יוניאניזם — מיר מארגארעט דעניעלס.

מיטוואך אווענד, דעם 4טען פעברואר, קלאס אין אריטמעטיק — מר. פרידמאן.

דאנערשטאג אווענד, דעם 5טען פעברואר, גימנאסטיקס און סאציאלע אונטערהאלטונג אונטער'ן אויפזיכט פון לוסי רעטינג.

פרייטאג אווענד, דעם 6טען פעברואר, קאנצערט לעקטשור איבער מוזיק, — מיס מאריאן באוער.

אין אלע דיעזע סענטערס זיינען דא באזונדערע קלאסען צו לערנען ענגליש, מאנטאג, דינסטאג, מיטוואך און דאנערשטאג אבענדס.

* * *

בולעטין פונ'ם ארבייטער אוניווערזיטעט.

וואשינגטאן אירווינג היי סקול, אירווינג פלייס און 16טע סטריט.

שבת, דעם 31טען יאנואר, אום 2 אוהר מיטאגצייט, — א קורס ווענען די טענדענצען אין דער מאדערנער ליטעראטור. — ב. ר. סטאלפער. אום 3 אוהר נאך מיטאג, א קורס אין עקאנאמיקס. — פראפעסאר לעאן ארדזרוני.

זונטאג, דעם 1טען פעברואר, אין דער פריה און נאכמיטאג, וועלען פארקומען די פאלגענדע קלאסען:

קלאס אין פראקטישע פסיכאלאגיע. דר. סעמועל א. טאננבוים.

א קלאס אין ענגליש און שפראך אויסבעסערונג — הערמאן גריי.

א רעדנער שוהלע — גוסטאוו פ. שולטץ.

דאנערשטאג אווענד, דעם 5טען פעברואר, א קלאס אין „ארבייט און מענעדזשמענט" — פראפ. לעא וואלמאן.

נייעס פון די יוניטי סענטערס.

דעם שבת אווענד, דעם 31טען יאנואר, וועט געפייערט ווערען די עפענונג פון דעם הארלעם יוניטי סענטער, אין פאבליק סקוהל 171, 103טע סט., צווישען 5טע און מעדיסאן עוועניוס.

עס וועט געגעבען ווערען א רייכער קאנצערט, אין וועלכען עס וועלען זיך באטייליגען די באוואוסטע ארטיסטען, סאניא מעדוועדיעוו, סאפראנא, מאקס דזשוייקאבס פיעלער שפיעלער. גוטע רעדנער וועלען רעדען און נאכדעם וועט מען אויך קאנען טאנצען א טענצעל.

פריי איינטריט פאר מיטגליעדער פון אונזער אינטערנעשיאנעל און זייערע פאמיליען.

* * *

שבת אווענד, דעם 7טען פעברואר, וועט געפייערט ווערען די ווידער ערעפענונג פון דעם איסט סייד יוניטי סענטער, אין פאבליק סקול 63, 4טע סט. און ערשטע עוועניו. עס וועט געגעבען ווערען א גוטער מוזיקאלישער פראגראם. די אינטערנעשיאנעל מיטגליעדער מיט זייערע פאמיליען זיינען געלאדען צו קומען.

* * *

אין דעם ווייסט מאכער יוניטי סענטער וועט געגעבען ווערען א קאנצערט און ענטערטיינמענט שבת אבענד, דעם 14טען פעברואר. פריי איינטריט פאר אינטערנעשיאנעל מיטגליעדער און זייערע פאמיליען.

* * *

א פאר ווערטער אין אלגעמיין.

מיר מאכען אויפמערקזאם אונזערע מיטגליעדער דאס די אלע לעקטשורס און קורסען, וואס זיינען ביז יעצט אנאנסירט געווארען, וועלען אזוי רעגעלמעסיג געהאלטען ווערען יעדע וואך, דורכ'ן גאנצען סיזאן. אין דער זעלבער צייט ווי ביז איצט. מיר ווילען דער עולם זאל דאס וויסען און געדענקען, ווייל פון נעקסטער וואך אן, וועלען מיר מעהר ניט אנאנסירען די לעקטשורס און קורסען אין דער צייטונג, ווי מיר האבען דאס געטאן ביז איצט. מיר וועלען דעם פלאץ פארנעהמען מיט אנאנדער וויכטיגען מאטעריאל, אין בעצוג אונזער עדיוקיישאנאל טעטיגקייט.

מיר האפען, אז אונזערע מיטגליעדער וויסען שוין וועז אונזערע קלאסען און קורסען ווערען אפגעהאלטען און זיי וועלען רעגעלמעסיג די קלאסען אטענדען.

צו די טשערליים פון די פראטעקטיוו קלאוק שעפער!

די טשערליים פון די פראטעקטיוו קלאוק שעפער ווערען אויפגעפאדערט צו ברענגען אין אפיס פון דער יוניאן די נייע פרייז-ליסטען, מיט דעם רעיז וואס די ארבייטער האבען איצט באקומען.

אין נאמען פון דזשאינט באארד,
דזש, רובין,
מענעדזשער פראטעקטיוו דיוויזשאן.

ווידזשעס פון קלאוקמאכער באדייטענד נעהעכערט

(שלוס פון זייט 1).

זייערע שכירות; אין דעם זין איז דער זיעג, א חוץ א מאטעריעלער, אויך א מאראלישער.

אויך פיהלען זיך אונזערע קלאוקמאכער גליקליך, וואס דער דאזיגער געווינס, גרויס און באדייטענד, ווי ער איז, איז זיי אנגעקומען פארהעלטניסמעסיג לייכט. די עטליכע סטאפעדזשעס, וואס זיי האבען געמאכט, דאס איז דאך נור געווען א סארט דעמאנסטראציע, זיי האבען אבער באמת ניט געוואלט סטרייקען. די קלאוקמאכער זיינען געוויס גוטע קעמפער, ווען מען מוז. אבער זיי זיינען ניט קיין סטרייקער לשם סטרייק. און זיי פיהלען זיך העכסט גליקליך, וואס זייער איצטיגען געווינס האבען זיי אויסגעפיהרט גאנץ און גאר אהן א סטרייק. אין נור דערפאר, ווייל אויף זייער זייט איז געווען די גערעכטיגקייט און אויך די מאכט, ווען זי וואלט, חלילה, נויטיג געווען.

די ארבייטער פיהלען זיך אויך גליקליך דורך דעם, וואס זיי האבען געהאט אזעלכע גוטע טשעמפיאנס, וואס האבען פארשטאנען אזוי גוט און מיט אזא עפעקט צו ווירקען אויף די גאנצע ארביטריישאן קאמיטע: זיגמאן, פיינבערג, היו פריינד האבען געוויס ניט אויסגעלאזען קיין איינציגען פונקט, וואס איז נור געווען צו גונסטען פון די ארבייטער. צו דעם זיינען זיי נאך גלענצענד אונטערשטיצט געווארען דורך מייער לאנדאן.

ווירקליך, די 50 טויזענד קלאוקמאכער האבען די בעסטע גרינדע צו זיין צופרידען מיט דעם גאנצען איצט געגען אויפטהו פון זייער מעכטיגער יוניאן און פון זייערע פעהיגע און טאקטפולע פיהרער.

עס פארשטעהט זיך, אז די ארבייטער וועלען דוקא איצט האבען א באזונדערע אמביציע צו באווייזען, אז זייער ארויסטריט פאר העכערע ווידזשעס איז ניט געווען א רעזולטאט פון זייער קאפריזנעקייט, נאר פון א ווירקליכער נויט, און איצט וועלען זיי אפהיטען דעם אגרימענט ווי דאס דארפען טאן מענשען מיט א געפיהל פון פאראנטווארטליכקייט פאר אלץ, וואס זיי טוען און נעהמען אויף זיך.

אין דער איצטיגער ענטשיידונג האבען די פארשטעהער פון דער יוניאן זיך פארפליכטעט צוזאמען מיט די מאנופעקטשורערס צו זעהן, אז די לאסט פון די נעהעכערטע ווידזשעס זאל ניט פאלען אויף דעם עולם, דעם קאסטימער. די ארבייטער דארפען זעהן גוט צו מאכען פון זייער זייט זייער פארפליכטונג. עס איז אין זייערע אייגענע אינטערעסען אזוי צו האנדלען, ווי דאס ווערט ערקלעהרט אויף אן אנדער פלאץ אין דעם נומער „גערעכטיגקייט".

און איצט, אז דאס, וואס די בעלי-מלאכות האבען געפאדערט, האבען זיי אויסגעפיהרט, מעגען מיר האפען אויף א גוטען סעזאן, אין וועלכען די ארבייט און די גוטע פארדיענסטען פון די ארבייטער זאלען ניט געשטערט ווערען, און אויך אויף נאך א גרעסערער באפעסטיגונג פון אונזער יוניאן, וועמען, אין דער לעצטער שורה, די ארבייטער האבען אלעס צו פארדאנקען.

קלאוקמאכער אין באלטימאר באקומען א העכערונג אין שכירות

די קלאוקמאכער יוניאן פון באלטימאר האט מיט א פאר וואכען צוריק פארלאנגט פון די בעלי בתים א העכערונג אין די שכירות פון די ארבייטער. ווי דער שטיינער איז, האבען די בעלי בתים ניט געוואלט נאכגעבען און עס האט זיך אנגעפאנגען טראבעל און עס האט שוין געהאלטען ניט ווייט דערפון אז די יוניאן זאל מוזען רופען א סטרייק אין דער אינדוסטריע.

לעצטע וואך איז אבער געלונגען ברודער א. סניידער, אונזער דזשענעראל ארגאנייזער, ווידער צוזאמענצוברענגען דער יוניאן מיט די מאנופעקטשורערס צו א קאנפערענץ, וואו דער סכסוך איז ענדליך געסעטעלט געווארען. די בעלי בתים האבען איינגעוויליגט צו געבען די ארבייטער א „פלעט רייז" פון 5 דאלאר א וואך די מענער ארבייטער און 2.50 דאל. די פרויען ארבייטער.

לעצטען דאנערשטאג האט די יוניאן איינגערופען א מאס מעמבער מיטינג פון די ארבייטער, וואו דער סעטלמענט איז פאר זיי פארגעלעגט געווארען צום שטימען און דער סעטלמענט איז איינשטימיג אנגענומען געווארען. דער מיטינג איז אדרעסירט געווארען פון ברודער סניידער און ער האט באקומען א גרויסע אוואציע.

אין פארלויף פון דער רעדע האט ברודער סניידער פארגעשלאגען, דאס דעם רייז פון דער ערשטער וואך זאלען די ארבייטערע אפגעבען דער יוניאן, און דאס זאל געהן פאר א ספעציעלען פאנד צו שאפען דער יוניאן אן אייגענע היים. די ארבייטער האבען דעם פארשלאג אנגענומען מיט באגייסטערונג און די יוניאן וועט איצט האבען א פאנד אויף אנצופאנגען בויען אן אייגענע היים.

דער מיטינג האט אויך אויסגעדריקט דאנקבארקייט און אנערקענונג צו ברודער סניידער, פאר זיין העלפען ברענגען דעם פריעדליכען סעטעלמענט, מיט אזא באדייטענדען געווינס פאר די מיטגליעדער און דער יוניאן.

ריינקאוט מאכער פון מאנטרעאל, קענעדע, שטעלען נייע פאדערונגען

דער אגרימענט מיט דער ריינקאוט-מאנופעקטשורערס פון מאנטרעאל ענדיגט זיך דעם 31-טען יאנואר 1920, און פאלגליך איז אויסגעארבייט געווארען נייע פאדערונגען, א נייע סקייל אף ווידזשעס, און פון די ארבייטס באדינגונגען, וועלכע זיינען גוט געהייסען געווארען פון די מעמבערס ביי א זעהר גוט באזוכטען מיטינג.

אויך זיינען אונזערע נייע פאדערונגען גוט געהייסען געווארען פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעשאנאל ביים לעצטען פערטעל יעהרליכער מיטינג אין באסטאן.

ביז יעצט האט די ריינקאוט מאכערס יוניאן געהאט אגרימענטס מיט איינצעלנע פירמען, נאר אזוי ווי יעצט האבען די ריינקאוט מאנופעקטשורערס פארמירט אן אססאסיאיישאן וועלען מיר נאטירליך פראבירען צו קומען צו א פארשטענדניס מיט דער אססאסיאיישאן קאלעקטיוו.

יעדענפאלס איז די יוניאן פארבערייטעט פאר אלעס, אפילו דאס ערנסטע, אבוואהל מיר ערווארטען צו קומען צו א פריינדליכע פארשטענדניס מיט די מאנופעקטשורערס אססאסיאיישאן.

די וויכטיגסטע פונקטען אין דעם נייעם אגרימענט זיינען די פאלגענדע:

א העכערונג פון 20 פראצענט פאר אלע סימענטערס, ווי אויך די פאלגענדע סקייל פון מינימום ווידזשעס:

פאר קאטערס 44 דאלער א וואך; אסיסטענט קאטערס 35 דאלער א וואך; ערשטע קלאסע אפערייטאר 44 דאל. א וואך; צווייטע קלאסע אפרייטאר 35 ד. א וואך; פינישערס און באטען נעהערס 22 דאלער א וואך.

צו קריגען באצאהלט פאר 8 ליגעל האלידעיס. אריינגערעכענט דעם ערשטען מאי. טיים און א העלף פאר אווערטיים. ניט מעהר ווי 6 שטונדען אווערטיים א וואך, און מעהר ווי אלעס א סטריט יוניאן שאפ און קיינע קאנטראקטינג.

דזש. לענטש, מענעדזשער.

אימפעריע מאכט איצט חנ'לעך, צו די סאוועטען, אום אריינצוקריגען פאר זיך דעם גאנצען רוסישען האנדעל. ווי א געוויסער זשורנאליסט, אן אפאלאגעט פון די עליים האט זיך אויסגעדריקט, זוכען איצט די עליים „צו פארביינען פרינציפען צוליעב פראקטישער פאליטיק. ביזנעס שטעהט העכער פון פרינציפען!

• • •

טריעל פון די ארבייטער קידנעפערס אנגעפאנגען.

אין טומסטאון, אריזאנא, האט זיך די טעג אנגעהויבען דער טריעל פון א מענגע פון 210 מענשען, וואס האבען אנטייל גענומען אין „קידנעפען" און דעפארטירען די 1200 סטרייקערס אין ביזבי, אריזאנא. דאס איז פארגעקומען פאר צוויי יאהרען. די איינוואוינער פון ביזבי, א שטאדט וואס איז פאלשטענדיג קאנטראלירט פון א געוויסער מיין־קאמפאני, האבען מיט גוואלד פארטריבען פון שטאדט כמעט אלע סטרייקער אונטער דעם אויסרייד, אז יי זיינען א. וו. וו. און דייטשע שפיאנען. עס איז אפילו דאן געווען א מאדע אויף אזעלכע זאכען, אבער דער סקאנדאל פון ארויסטרייבען פון שטאדט אזוי פיעל ארבייטער איז געווען צו שרייענד, און די פעדעראלע רעגירונג האט גענומען אונטערזוכען די אנגעלעגענהייט. עס איז אויסגעפונען געווארען, אז עס איז ניט געווען די מינדסטע אורזאכע די סטרייקערס ארויסצושיקען, אז די קאמפאני האט פשוט ארגאניזירט א פארשווערונג נעגען די ארבייטער.

די ענטריסטונג פון דער ארגאניזירטער ארבייטער[illegible] איז געווען צו גרויס, אז מען זא[illegible]יי זאך דערשטיקען; און די רעגירונג האט פארזיכערט, אז אלע שולדיגע וועלען באשטראפט ווערען.

איצט געהט אן דער טריעל פון די דאזיגע קידנעפער. ווי עס ווייזט אויס, וועלען זיי אפקומען מיט א קלייניגקייט, ווייל דער פראצעס נעגען זיי ווערט אנגעפיהרט מיט נאר א קנאפען חשק. דערווייל זיינען שוין דריי איינגאנצען באפרייט געווארען און די איבעריגע וועלען פראצעסירט ווערען איינציגווייז. די ציימונגען פארדוקען די באריכטען וועגען טריעל ערגיץ א ווינקעל און זוכען צו געבען דער אנגעלעגענהייט אזוי ווייניג פובליסיטי ווי מעגליך. אבער דער אויסגאנג פון טריעל ווערט ערווארטעט מיט גרויס אינטערעס פון די ארבייטער מאסען, וועלכע זיינען נייגעריג צו זעהן, ווי אזוי אונזערע געריכטען באגעהן זיך מיט די, וואס פראקטיצירען הפקר און געזעצלאזינקייט נעגען די ארבייטער אין דעם נאמען פון פאטריאטיזם.

אונזערע מיטגלידער פון מאנטרעאל פרעזענטירען זייערע בעאמטע.

אז דער פרעסטיזש פון די בעאמטע פון אונזער יוניאן האט זיך אין דער לעצטער צייט פיעל געהויבען, קאן מען זעהן פון דער ליסט פרעזענטען וואס ווערט דא אונטען פארעפענטליכט, וואס די ארבייטער פון די שעפער האבען לעצטענס געגעבען זייערע פיהרער.

פון לאקאל 61 — ברודער ס. סאפאלסקי איז פרעזענטירט געווארען מיט א זילבערנע סיגארעט קיים, פון די ארבייטער פון די „עמפייר גארמענט קא." בר. ב. שווימער, שאפ דעלעגאט פון די „נעשאנאל ראבער" איז פרעזענטירט געווארען מיט א שעהנעם פרעזענט פון די ארבייטער פון דיזען שאפ; די ברידער י. פראכט און מאקס אסטראף זיינען אויך פרעזענטירט געווארען מיט שעהנע געשאנקען ביי די ארבייטער פון סאמער'ס שאפ; און אויך וויל איך דערמאנען אז ה״ין [illegible] יואס דער רעקארדינג סעקרעטער פון לאקאל 19 איז פרעזענטירט געווארען מיט א פאונטען פען, זיינען אויך פרעזענטירט געווארען בר. זש. לאטש, אונזער ביזנעס מענעדזשער און דער שרייבער פון דיזע צייל[ע]ן. דער פינאנץ סעקרעטער, מיט צו „בייטלעך" געלד פון לאקאל 102 (סעמענטערס), ווי אויך האט דיזער לאקאל פרעזענטירט מאדאם סענעקאל, די פראנצויזישע אסיסטענט פינ. סעק. מיט זעהר א שעהנע פאונטען פען.

עס פארשטעהט זיך אז דאס ברענגט מעהר מוט, מעהר ענערגיע און אויך אין דערזעלבער צייט א טיעפער גלויבען און איבערצייגונג אז ארבייטער וועלכע קענען וויסען וואס איז מיט זיי און ווער איז נעגען זיי, זייענען ניט ווייט פון דערגרייכען דעם ציעל.

ערלויבט מיר שוין פאר איין וועג אויך צו מעלדען דאס מיר האבען לעצטע וואך באשלאסען ביי זעהר גוט באזוכטען מעמבער־מיטינגען, גערופען ספעציעל פאר דיזען צוועק, צו טעקסען יעדען מעמבער מיט א טאג ווידזשעס פאר א עמוירדזשענסי פאנד. דיזער אסעסמענט איז [illegible]עקטעט געווארען דורך די לעצטע וואך אין מאנאט יאנואר.

י. שובערט,
מאנטרעאל, קאנעדע.

פון אַלעס צו ביסלאַך

פון מ. פערלשטיין

אונזער אגרימענט.

אלזא, האט שוין אונזער קליוולאנד אויך אן אגרימענט, אן אגרימענט מיט אלע מאדערנע און העכסט־מאדערנע איינריכטונגען.

ווי דיזער אגרימענט וועט זיך אויסארבייטען איז דערווייל שווער צו זאגען, עס איז א גאנץ נייע זאך אין אונזער שטעדטעל, ניי צו אונזערע בעלי בתים און ניי צו אונזערע ארבייטער. זיי דארפען דאס ביידע יעצט פרובירען, און אזוי ווי עס דארף נאך איבערגעארבייט ווערען אין מאגען, איז איין גאט וויים דערווייל. עס וועט זיך ווענדען אויב דער מאגען איז א געזונטער וועט דאס אוועקגעהן בשלום ווען ניט וועט מען דאס זיכער דארפען קורירען. דערווייל איז נאך דער אגרימענט צום מאגען ניט דערגאנגען. מען האלט איהם ערשט אין ארונטערשלינגען, און געוועהנליך האבען א צאהל פון אונזערע בעלי בתים וועלכע זיינען אויפגעהאדעוועט געווארען אויף אנאנדער מין עסען, האבען זיי אנגעפאנגען אויסגעפינען אז עס איז גאר א נייער מין מאכל און די הארץ לאזט זיי דאס ניט ארונטערשלינגען; זיי וועלען זיך אבער איינטרייען. א צאהל פון אונזערע בעלי מלאכות איבערראשצען ווידער דעם מאכל דענקענדיג אז מיט דעם ערשטען ביסען מוז מען גלייך פעט ווערען, עס איז זיי ביידען ניט צו פארדענקען, זיי וועלען זיך איינטרייען.

צו מאכען ארבייטען דעם אגרימענט איז א גאנץ פיינער דזשאב ספעציעל אין די גרויסע שעפער, אין די שעפער וואו עס עקזיסטירט דער עפישענסי סיסטעם, און אין די שעפער וואו עס איז ניטא אין גאנצען קיין סיסטעם, די פארשיעדענע סקיילס פאר מענער און פרויען, די סקיילס פאר די גאנצע, האלבע, האלב־האלבע און פערטעל ארבייטער. שטיק־ארבייט, טאג ארבייט, באנוס, ניט קיין באנוס, דאס הייסט, דאס דארף אלעס אויסגעגליכען ווערען אויף דער ווייל, ביז די וואך־ארבייט סיסטעם וועט איינגעשטעלט ווערען, ווען מע! וועט אויסגלייכען די עקזיסטירנדע טראבעלס און אונסיסטעמאטישקייט וועט מען דאן דארפען אנפאנגען ארבייטען אוועקצושטעלען דעם וואך־ארבייט־סיסטעם.

און דער וואך־ארבייט סיסטעם וועט דא אויך איינגעשטעלט ווערען אויף א גאנץ אנדער אופן ווי אין די אנדערע שטעדט. עס איז צו שליכטען א מאדערנע פראבלעמע. א מאדערנע מעטאדע. וואס דאס מיינט, און ווי מיר דענקען אז עס וועט ארבייטען, וועל איך באשרייבען אין א ספעציעלען ארטיקעל, דערווייל וואס מיר האבען געטאן אין דיזען הינזיכט האבען מיר גענעבען צו 5 טויזענד דאלאר יעדער, דאס הייסט 5 טויזענד דאלאר די מאנופעקטשורערס, און 5 טויזענד דאלאר די יוניאן, צוזאמען 10 טויזענד דאלאר און „עפישענסי אינדזשינירס' זיינען פאר דיזע געלט אנגעשטעלט געווארען, אונטערצוזוכען און רעקאמענדירען א פלאן פאר די וואך־ארבייט. דער פלאן דארף גוט־געהייסען ווערען פון ביידע צדדים, בעפאר מען פיהרט איהם איין. דערווייל הייסט דאס, ארבייט מען נאך אין די מעהרסטע שעפער שטיק־ארבייט און מיר האבען א ביזנעס פון סעטלען און איבערסעטלען פרייזען א. ז. וו.

דער אגרימענט פאנגט זיך אן אויסצוארבייטען אויף דעם ארט פון אלע אגרימענטס. געוועהנליך מיט מאדערנע אימפרואוומענטס. יעדער קאמפליין אין א שאפ ווערט פריהער אויפגענומען פון שאפ טשערמאן מיט דער פירמע. ווען זיי קענען דאס ניט שליכטען, ווערט דאס אויפגענומען פון דעם מענעדזשער פון דער יוניאן מיט דעם מענעדזשער פון דער אסס'ן. ווען זיי קענען זיך ניט איינפארשטעהן, ווערט דער קאמפליין ארביטרירט.

א גאנץ גוטע צאהל קליוולאנדער מאנופעקטשורערס האבען פאר דער חיה, שאפ־טשערמאן זיך געשראקען דעם גאנצען לעבען, יעצט אויף דער עלטער דארפען זיי מיט דער חיה האנדלען. היינט ווען עס קומט צו דער יוניאן אין אלגעמיין, האט ער געלעזען אז די יוניאן זאגט צו צו „קאאפערירען." אלזא, הייסט ביי איהם קאאפערײשאן אז אלעס וואס ער טוט דארף מען זאגען אז עס איז גוט אזוי. היינט ווען עס קומען פון דער יוניאן און זיין אסס'ן פארטרעטער און מען זאגט אז אזוי טויג ניט, גלאצט ער אויס א פאר אויגען און וואונדערט זיך וואו ער איז אין דער וועלט און פרואווט זיך צו נארען, ניט צו פאלגען. קען דאס איהם דען עפעס העלפען?

אונזערע בעלי מלאכות, ווידער, פון דער אנדער זייט, פארשטעהען, אז אלעס וואס קומט עפעס ארויף אויף'ן זינען דארף מען קריגען, ווען ניט צו וואס איז אן אגרימענט? אלזא, אזוי ארבייטען מיר און אזוי טרייען מיר דאס אויסצוארבייטען.

די שטימונג צווישען די ארבייטער און די מאנופעקטשורערס איז א גאנץ פריינדליכע, געוועהנליך, ווערט דער איינפלוס פון דער יוניאן אלס שטארקער און שטארקער. אונזער משפחה ווערט פארגרעסערט, דאס הייסט, נייע מעמבערס האלטען זיך אין אנשליסען, ספעציעל פרויען, קריסטליכע פרויען. אין דער ארגאניזאציאן זיינען יעצט דא אריבער 2 טויזענד פרויען, א הונדערט פון זיי אידישע, די איבעריגע זיינען אלע קריסטליכע.

• • •

מיר מאכען אן אגרימענט מיט נאך אן אסס'ן.

17 קלענערע קלאוק און דרעס מאנופעקטשורערס האבען ארגאניזירט נאך אן אסס'ן און האבען געסיינט אן אגרימענט מיט דער יוניאן. דער נאמען פון דיזער אסס'ן איז „מיוטשעל גארמענט מאנופעקטשורערס". דער אגרימענט מיט דיזער אסס'ן איז דער זעלבער ווי מיט דער גרויסער, דער אונטערשיעד איז נאר וואס דיער אגרימענט גאראנטירט א קלאוזד שאפ. און דאס מערקווירדיגסטע דערפון איז, אז פ ר ע נ ק ע ל, דער בעריהמטער, דער זעלבער פרענקעל, דער סעקרעטער פון דער גרויסער אסס'ן וועלכער האט אזוי פארביסען, ביטער און הארטנעקיג געפיים נעגען דער יוניאן, האט איצט אלס סעקרעטער אויך פון דיזער קליינער אסס'ן געסיינט פאר זיי דעם קלאוזד־שאפ־אגרימענט מיט דער יוניאן. און לעצטען שבת ווען די עקזעקוטיוו באארד פון דער גרויסער אסס'ן האט מיר איינגעלאדען צו א לאנטשען, דאס הייסט אין פליין אידיש צו א דינער וועלכעס עס איז אפגעהאלטען געווארען אין דעם האלענדער האטעל (עס זיינען ביי דעם דינער געווען בלעק, לאנדעסמאן און נאך אזעלכע מאנופעקטשורערס) און פרענקעל איז דארט אויך געווען האב איך איהם פאר אלעמען אין די אויגען וועגען דעם גאנץ גוט אריינגעקיבעצט, אז ער האט נעבאך פאר א פאר מינוט ניט געוואוסט, וואס צו ענטפערען. דאס הייסט ראכע... זיסע ראכע.

• • •

א מיטינג מיט די רימיילערס

די היגע מאנופעקטשורערס פארנעמען זיך גאנץ פעסט ווי זיי רופען דאס אן צו ברענגען „קאנטיניואיטי אף וואירק", דאס הייסט, ארבייט דורך דעם גאנצען יאהר.

פאר דיזען צוועק ארבייטען זיי אויף א פלאן צו האבען מיטינגען מיט פארשיעדענע פראמינענטע סטאר־קיפערס פון לאנד, זיך מיט זיי צוזאמענריידען און זעהן אז זיי זאלען ניט ווארטען אויף דער לעצטער מינוט צו געבען זייערע ארדערס. ביז איצט איז די לאגע דא געווען אין אלגעמיין מעהר אדער ווייניגער צופריעדענשטעלנד.

דורך די יום טובים איז קיין צופיעל ארבייט אין די שעפער ניט געווען, די לעצטע פאר וואכען ווען עס איז געווארען ביזי זיינען דא אין יעדען שאפ עטליכע וואס פארדינען אריבער הונדערט דאל. די איבעריגע ווייניגער און אזוי געהט דאס מיט די פארדינסטען פון די שטיק ארבייטער.

דער פארלאנג פון די מאנופעקטשורערס איז אז אונזער דזשאינט באארד זאל דארט אויך אנוועזענד זיין, און איך זאל דארט „דעליווערען א ספיטש", איהר זייט מיר עפעס מקנא?

צו דעם מיטינג וועלען אויסער די דעפארטמענט סטאר־קיפערס זיין אנוועזענד די עקזעקוטיוו באארד פון דער גרויסער אסס'ן מיט בלעק'ען אויף דער שפיצע. פאר דעם אנפאנג האבען זיי יעצט אראנזשירט א מיטינג מיט די פארטרעטער פון די היגע דעפארטמענט סטארס.

• • •

שאפ־טשערליימע און פרעזענטען.

צו זיין א שאפ טשערמאן אין קליוולאנד איז געווארען א גאנץ אנגענעהמער אמט, דער באס רעספעקטירט (אויף לאנגע יאהר!) די ארבייטער באהאנדלען זעהר אנגענעהם אין מען גיט פרעזענטען.

אין די לעצטע פאר וואכען זיינען די פאלגענדע טשערליימע באעהרט געווארען פון זייערע מיטארבייטער.

דער שאפ־טשערמאן פון דזשיי. אנעספיעלד — א דיימאנד פין; דער שאפ־טשערמאן פון פאלאק קלאוק קא. — א דיימאנד פין; דער שאפ־טשערמאן פון קעלער קאהן — 100 דאלאר קעש! דער שאפ־טשערמאן פון [illegible] קלאוק קא. — 70 דאלאר קעש; די שאפ טשערליידי אסתר שווייצער, פון ס. פר האק דרעס דעפארטמענט — א מאניקיורינג סעט און אז. וו. אלץ בעסער ווי פריהער...

• • •

ריינקאוט סטרייק געסעטעלט.

פאר די לעצטע איינינע וואכען זיינען די היגע ריינקאוט מאכער געווען אין סטרייק, לעצטען שבת איז זייער סטרייק געסעטעלט געווארען. די ריינקאוט מאכער קריגען וואך ארבייט מיט א מינימום־סקייל פון 44 דאלאר א וואך און א קלאוזד־שאפ, זייער מינימום סקייל ביז דעם סטרייק איז געווען 40 דאלאר א וואך.

• • •

א קאפיטאל און ארבייט קאנפערענץ.

פאר די לעצטע איינינע מאנאטען טרייט א געוויסער מר. נעש, דער סעקרעטער פון דערהיגער „יאנג מענס קריסטשען אסס'ן" צוזאמענצוברענגען פארטרעטער פון קאפיטאל און ארבייט און זעהן צי מען קען ניט אויסארבייטען א פלאן ניט צו האבען אזוי פיעל סטרייקס.

די קאנפערענץ וועט אפגעהאלטען ווערען נעקסטע וואך. צו פארטרעטען די ארבייטער זיינען פון איהם אויסגעקליבען געווארען 5, סטאון פון די ריילוויי בראדערהוד, מאקס הייס, און נאך א פאר, איך בין אין דער מיטען. פון דער זייט פון קאפיטאל וועלען זיין א פאר שטאהל מאגנאטען. דער קאנפערענץ איז אן אונאפיציעלער, דיזער נעש האט דאס אליין אויסגעקליבען די פארטרעטער פון ביידע צדדים.

• • •

ווי די יוניאן ארבייט ביי בלעק'ן אין שאפ

ביי בלעק'ן אין שאפ האבען מיר ערוועהלט 16 טשערליימע. דאס הייסט, יעדער דעפארטמענט האט איין טשערמאן און איינעם אלס טשיעף־טשערמאן.

אלע קאמפליינס אויפגענומען פון די דעפארטמענט־טשערליימע ווערען אויפגענומען 4 אזייגער פארנאכט צווישען דעם דעפארטמענט־טשערמאן, טשיעף־טשערמאן און דעם אסיסטענט מענעדזשער פון דעם שאפ, ווען זיי קענען דאס ניט שליכטען ווערט דאס איבערגעגעבען אין דער יוניאן.

אזוי ווי יעצט זיינען דא א סך קאמפליינס און די טשערליימע ווייסען דאס נאך ניט ווי צו שליכטען, ווערט פאר נעקסטע וואך אראנזשירט א מיטינג פון אלע טשערליימע. דער מיטינג וועט אפגעהאלטען ווערען אין שאפ. ביי דעם מיטינג וועלען אנוועזענד זיין פארטרעטער פון דער פירמע, דער לייבאר מענעדזשער פון דער אסס'ן און איך, פארטרעטענדיג דער יוניאן, און מיר וועלען טרייען די סיכסוכים צו שליכטען, ווען ניט וועלען מיר זיי ארביטרירען. די זעלבע אראנזשמענטס וועלען מיר מאכען אין אלע גרויסע שעפער.

קאלעקשאנס פארן אלבאני דעפענס פאנד.

ב. עפשטיין סקוירט קא. — —	23.25
טאמאשעפסקי, 256 וו. 23טע.	30.50
קליר בעלל, דורך האפמאן —	24.20
ש. פינס, דורך מאררים ע. ליפשטיין	15.00
פיימאום קלאוק קא., דורך ל. פארבער — — —	19.00
צוקערמאן און האפמאן, 154 וו. 34טע סט., דורך ראזענפעלד און קאדאלסקי — — —	30.00
גאלדבערג און מען, דורך באריס גראסמאן —	14.00
דזשאזעף מאלטשאנסקי, אן ארבייטער פון ארמאנסאן בראס. — — — —	2.00
דזשייקאב בודינסקי — — —	3.00
פייבער און היין, 40. איסט 32טע סט., דורך סעמיועל דערפלער —	34.00
דזש. פאלאק און קא., דורך א. מאסקאוויץ — —	60.00
נייטהען שוס, דורך גראנאפסקי — — —	20.00
קוויטריים סקוירט קא., דורך וועקסלער — — —	16.75
לאנדאן קאוט האוז, דורך דזש. לעווין — — —	20.00
טאטאל — — — — —	311.70

פיליפ קאפלאוויטש, טרעזש.

אנערקענונג

מיר, די ארבייטער פון ת. רודינגער, אנערקענען די גוטע ארבייט פון אונזער שאפ־טשערמאן היימי שענק, און פרעזענטירען איהם מיט א שעהנעם גאלדענעם רינג. מיר ערווארטען, דאס ער וועט איך ווייטער טאן גוטע ארבייט.

טילי קאסטרא, י. עפש.
עניליש, איטאליא,
די קאמיטע.

מער די שכירות. אונטער די אומשטענדען איז עס א גאנץ גוטער סעטעלמענט און די וויסט מאכער אין באסטאן זיינען צופרידען מיט׳ן רעזולטאט. די ארביייטער דריקען אויס א גרויס אנערקענונג צו סעקרעטער באראף פאר זיין טיכטיגען אנטייל נעמען אין סכסוך צווישען דער יוניאן און די מאנופעקטשורער.

דער סטרייק פון די ריינקאוט־מאכער לאקאל 7

אומגעפעהר אין דער זעלבער צייט וואס די וויסט מאכער האבען ארויסגעשטעלט די פאדערונגען האט אויך די ריינקאוט מאכער יוניאן פון באסטאן, לאקאל 7, ארויסגעשיקט פאדערונגען צו זייערע מאנופעקטשורער. אין דעם טרייד האט מען צו קיין פרידליכען סעטעלמענט בשום אופן נים געקאנט קומען און די יוניאן האט גערופען א דזשענעראל סטרייק.

ווען דער סטרייק איז ארויסגערופען געווארען און די שעפער זיינען געווארען פוסט און לעער, זיינען די ריינקאוט מאנופעקטשורער ווייכער געווארען און עס האט זיך גלייך צווישען זיי אנגעהויבען א באוועגונג פאר א סעטעלמענט. סעקרעטער באראף האט אויך דא אויסגעאיבט זיין איינפלוס אין צוזאמענברענגען ביידע צדדים און איז געווען דער „ספאוקסמען" פאר דער יוניאן ביי די פארהאנדלונגען מיט די מאנופעקטשורער. דער סטרייק האט געדויערט ארום צוויי וואכען און איז לעצטען פרייטאג געסעטעלט געווארען צו גונסטען די ארבייטער. זיי האבען באקומען א העכערונג פון 15 פראצענט אויף זייערע שכירות און נאך אנדערע פונקטען פון זייערע נייע פאדערונגען.

עס איז איבריג צו זאגען, דאס אין ביידע פעלע אין באסטאן, איז סעקרעטער באראף געגאנגען האנט אין האנט מיט די סעטעלמענט קאמיטעס פון די לאקאלס, וועלכע די יוניאן האט אנפערטרויט מיט דער זעהר פאראנטווארטליכער ארבייט און די קאמיטעס קומט א דאנק פאר זייער טיכטיגער ארבייט, פאר זייער איבערגעבענהייט, אזוי זארגפעלטיג אויפצופאסען אויף די אינטערעסען פון דער גרויסער מעמבערשיפ וואס האט זיי אנפארטרויט מיט דער ארביים.

צום קאמף געגען די קאנספיראטארס!

(שלוס פון זייט 1)

זינטער ביל א אינסטרומענט פון רעב געמליכען רעכט פון קעניגע. און כאטש דער גרעסטער אונטערשטיצער פון דיזען העסליכען געטש איז ארונטערגעשלעפט געווארען פון זיין טהראן, און איז איצט אן אנטלאפענער פון גערעכטיגקייט, האט א קליקע מענשען אין קאנגרעס זיך פארגענומען צו עטאבלירען אין אונזער לאנד דאס געמליכע רעכט פון דעם קעניג׳ס שטיפקינד — סעדישאן.

ארבייטער מוזען ערוואכען און האנדלען, זיי מוזען איינזעהען די גרויסע געפאהר פאר אונזער פאלק. יעדע ארגאניזאציע, נאציאנאלע, שטאאטס, שטאדט, צענטראלע אדער לאקאלע, יעדער איינצעלנער מיטגליעד און סימפאטייזער, וואס ליבט פרייהייט, זאלען גלייך, און אזוי אפט ווי מעגליך, שיקען זייערע פראטעסטען צו זייערע רעפרעזענטאנטען און סענאטארען אין וואשינגטאן. די רעפרעזענטאנטען אין קאנגרעס דארף מען זאגען, אז דאס פאלק, וואס האט געוואונען די מלחמה, כדי זיין לאנד זאל קענען בלייבען פריי, קען נים ערלויבען זיינע פאליטישע דינער צו פארשקלאפען איהם דורך אזא געזעץ.

אבער דער סעדישאן־ביל איז נים דער איינציגער, וואס זוכט צו פארראטען דאס פאלק. עס זיינען דא אנדערע, וואס אטאקירען דעם סאמע פונדאמענט פון דער טרייד־יוניאן באוועגונג און זוכען צו שטערען די נארמאלע טעטיגקייטען פון די ארבייטער. ארגאניזירט קאמיטעס און פראטעסט מיטינגען! זאל דאס לאנד אויפהויבען זיין שטימע אזוי הויך, אז אפילו אן איינצעלנער מיטגלידער פון קאנגרעס זאל עס נים פארפעלען צו הערען.

דאס זיינען ווירקליך שווערע צייטען, און אז דאס פאלק וועט נים אויפכאפען זיך, וועט אונזער באליעבטע דעמאקראטיע זיין פארלארען פאר אונז.

שיקט ארויין אייער פראטעסט אומגעזאמט.

ברידערליך אייערע,

סעמועל גאמפערס,

פרעזידענט אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר.

און אט איז א צווייטער אפיל איבער דעמזעלבען ענין פון אונזער דזשענעראל סעקרעטער־טרעזשורער, אב. באראף.

זיין אפיל איז ווי פאלגט:

צו אלע לאקאלס, אפילירט מיט דער אינטערנייטשאנאל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן: —

מיר רופען צו אייך, אין דיזער שטונדע, אלס א לאקאל פון אונזער אינטערנייטשאנאל, און אלס א פארבונדענער טייל פון דער גאנצער ארבייטער באוועגונג פון אמעריקא, צו ערוואכען צו דער גרויסער געפאהר פאר אונזער פאלק, פאר אונזערע פרייהייטען און פאר די אונשעצבארע רעכטע פון פרייע מענשען, וועלכע זיינען אונז גאראנטירט געווארען דורך דעם „ביל או רייטס" און דורך די פונדאמענטאלע געזעצע פון אונזער רעפובליק.

עס זיינען אין קאנגרעס פארגעשלאגען געווארען פארשיידענע סעדישאן־בילס פאר די צייט פון פרידען, באזונדערס דער סטערלינג־גרעהעם ביל, וואס איז פארטראכט געווארען אין דער פינסטער און איז א בייזוויליגער מיין צו רויבען די ארגאניזירטע ארבייטער באוועגונג, אפצושאפען פרייע רעדע און צו שמידען אין קייטען דעם פרייען אויסדרוק פון געדאנק און מיינונג.

פאר א צייט זיינען אט די אלע בילס, דורך די שטארקע פראטעסטען, צוריקגעהאלטען. עס איז איצט אין אייער מאכט צו טויטען די דאזיגע העכסט־שעדליכע באוועגונג צו פארניכטען אונזערע פרייהייטען, דורך שיקען פראטעסטען נאך פראטעסטען צו אייערע קאנגרעסלייט און סענאטארס, נים אבלייגענדיג עס אויף א מינוט שפעטער. מאכט עס קלאר פאר זיי אין אייערע טעלעגראמען, דאס אלס אמעריקאנער ארבייטער, אלס פרייע מענער און פרויען, זענט איהר ענטשלאסען אויפרעכטצוהאלטען אייערע רעכטע געגען אירגענד אן אנפאל פון אמביציעזע פאליטישענס. וואו עס איז נאר פראקטיש, זאלען איינבערופען ווערען פראטעסט מיטינגען צוזאמען מיט אנדערע ארבייטער קערפערשאפטען פון אייער שטאדט און עס זאלען אנגענומען ווערען רעזאלוציעס און זאלען אוועקגעשיקט ווערען נאך וואשינגטאן, וואו אייער שטימע וועט געהערט ווערען און וואו מען וועט זיך צוהערען צו אייך.

די גאנצע ארבייטער באוועגונג, מיט פרעזידענט גאמפערס פון דער אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר אן דער שפיצע, האט אונטערנומען זיך אויפצואוועקען דעם געוויסען פון לאנד צו דער גרויסער געפאהר, וואס שטעהט פאר. לאמיר אלע טאן אונזער חלק, און פארניכטען די פינסטערע פארשווערונג פון די שונאים פון פאלק.

אברהם באראף,

דזש. סעק.־טרעזשורער.

פרעזענטירען דעם שאפ־טשערמאן.

ביי א ספעשיל מיטינג פון די ארבייטער פון דזש. פינגער און סאן, 141 וו. 28טע סט. איז באשלאסען געווארען אויסצודריקען א דאנק צום שאפ טשערמאן, ברודער מאקס סילווערמאן, פאר זיין גוטע ארביים. אלס אנערקענונג פאר זיין איבערגעבענהיים פרעזענטירען מיר איהם מיט א גאלדענע וואטש און טשיין. מיר האפען אז ער וועט אויך ווייטער אנגעהן מיט זיין ארביים.

די קאמיטע.

די וואך

פון נ. ב.

True translation filed with the Postmaster at New York City on Feb. 6, 1920, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

טריטי סכסוך וועט מעגליך געסעטעלט ווערען

עס זיינען דא גוטע אויסזיכטען, אז דער סכסוך איבער דעם שלום־אפמאך מיט דייטשלאנד און דער ליגע אוו ניישאנס וועט געסעטעלט ווערען. אין די נעקסטע עטליכע וואכען, אויב נים טעג. אן ענטשיידונגס קריזיס אין דעם קאמף איבער דעם אפמאך איז פאראורזאכט געווארען פון וויסקאונט גרעי, דעם ענגלישען געזאנדטען אין אמעריקא, וועלכער איז איצט אויף א באזוך אין ענגלאנד, און וועלכער האט ארייגעשיקט א וויכטיגען בריעף איבער דעם ענין צו דער לאנדאנער „טיימס".

אין זיין בריעף, וואס איז, לויט דעם שרייבער׳ס אייגענע ווערטער, „בלויז מיין פערזענליכע מיינונג און מעהר גארנישט", אבער וואס ווערט באטראכט דא און אין ענגלאנד פאר אן אפשפיגלונג פון די מיינונגען פון דעם ענגלישען מיניסטארען־קאבינעט, ווייזט וויסקאונט גרעי אן אויף א וועג ווי אזוי די פאראייניגטע שטאאטען קען ארייגטרעטען אין דער נאציאנען ליגע און נים שלעפען אין געפאהר איהר פאליטישע אונאפהענגיגקיים. דער בריעף האט געפונען חן אין די אויגען פון די געגנער אזוי גום ווי פון די פריינד פון דעם שלום אפמאך, ווייל גרעי, וועלכער איז זעהר א געשיקטער דיפלאמאט, האט אויף א קונציגען אופן געמאכט א סך קאמפלימענטען אלע פראקציעס און פערזאנען, וואס זיינען פארבונדען מיט דעם קאמף. ער שטרייט אפ ענטשידען די אלגעמיין־פארשפרייטע מיינונג, אז דער קאמף איבער דער נאציאנען ליגע אין די פאראייניגטע שטאאטען איז בלויז א רעזולטאט פון פארטיי־פאליטיק, פון פערזענליכע צאנקערייען און אמביציע.

סער גרעי שרייבט צווישען אנדערעס:

„אין די פאראייניגטע שטאאטען עקזיסטירט א ווירקליכע קאנסערוואטיווע אכטונג פאר דער טראדיציאנעלער פאליטיק וואס איז געהייליגט פון דעם ראטה, וואס דזשארדזש וואשינגטאן האט געגעבען, אז דאס לאנד זאל אויסמיידען פארבינדונגען און פלאנטערס מיט אויסלענדישע און באזונדערע אייראפעאישע מדינות. אפילו די נאציאנען, וואס זיינען געוואונט צו אייראפעאישע בונדען באטראכטען די נאציאנען־ליגע פאר א נייעם ווענדונגס־פינקט אין פאליטישע אליאנצען.

„דאס איז נאך אין א גרעסערער מאס דער פאל מיט די פאראייניגטע שטאאטען, וואס איז ביז אהער געשטאנען פון דער ווייטענס און האט אויסגעמידען פאליטישע בונדען מיט אנדערע לענדער. ווייל די נאציאנען־ליגע איז נים נאר א שפרונג אין א נייער ריכטונג, נאר אויך א שרים, וואס דער היסטארישער ראטה און די ביז־העריגע טראדיציעס האבען אויסדריקליך פארהאסט.

„דאס מיינט נים, אז אמעריקא וועט נים מאכען דעם שרים אין דער נייער ריכטונג. זי נעהמט אין אנבאטראכט דעם פאקט, אז די אומשטענדען אין דער וועלט האבען זיך געענדערט, אבער די ווייל נאר נוג צייט צו איבערלעגען זיך, אויסצופארשען דעם וועג און האנדלען פארזיכטיג. און דאס ערקלערט דעם וואונש צו מאכען געוויסע קוואליפיקאציעס און אויסטייטשונגען".

דער ענגלישער דיפלאמאט דענקט אויך, אז די אויסטייטשונגען און קוואליפיקאציעס, וואס ווערען פארגעשלאגען פאר דעם אפמאך — כאטש זיי זיינען פון אן ערנסטען כאראקטער, קענען דאך אנגענומען ווערען און פארקלענערען נים די וויכטיגקיים פון דער מיטגלידערשאפט פון די פאראייניגטע שטאאטען אין דער נאציאנען ליגע. פיעלע שוועריגקייטען, וואס קענען פארקומען, אויב מען זאל אננעהמען די ענדערונגען, וואס לארדש און אנדערע שלאגען פאר, קוקען אויס גרויס און אומבאזונבאר אויפ׳ן פאפיר, אבער אין דער ווירקליכקיים זיינען זיי פון קלענער וויכטיגקיים, ווייל עס איז גאנץ מעגליך, אז זיי וועלען נאר קיינמאל נים ארויפקומען. און אפילו אויב דער כאראקטער פון דער ליגע זאל עטוואס פארענדערט ווערען אלס א רעזולטאט פון די דאזיגע קוואליפיקאציעס און אויסטייטשונגען, קען די וועלט נים אפווארטען, אז אמעריקא זאל בלייבען אויסערהאלב דער ליגע.

„און די פאראייניגטע שטאאטען", שרייבט סער גרעי, „וועט די ליגע נים האבען די נעהעריגע פיזישע און מאראלע מאכט הינטער זיך, אדער אויב זי וועט אפילו האבען די פיזישע מאכט, וועט זי ערשט נים האבען דיזעלבע מאס מאראלע קראפט ווייל דאס וועט זיין הויפטזעכליך א אייראפעאישע און נים אן אלוועלטליכע ארגאניזאציע, און וועט באפלעקט ווערען פון די אלע אינטער־ראסען אייפערזיכטיגקייטען פון אייראפא.

„ווען די פאראייניגטע שטאאטען זאל ווערען א מיטגליעד פון דער נאציאנען ליגע קענען מלחמות אויסגעמידען ווערען און באוואפנונגען פארקלענערט ווערען. ווען די שלעכטע נאציאנען פון דער וועלט וועלען נים האבען קיין מעגליכקיים צו צושטערען דעם שלום פון דער וועלט".

אין א געוויסען זין וועט די מעגליכע לאזונג פון דער טריטי־פראגע פארשאפען גרויסע אונאנגענעמליכקייטען: ווען דער אפמאך וועט ראטיפיצירט ווערען און שלום וועט פארמעל ערקלערט ווערען, וועט פארשווינדען דער מינדסטער אויסרייד פאר אנהאלטען די רעפרעסיווע מלחמה־געזעצען, די „פערזענליכע רעגירונג" פון די בורלסאנס, די פאלמערס און די אנדערסאנס. דער וואשינגטאנער קאנגרעס, צוליעב זיין טראדיציאנעלער אונפעהיגקיים, האט נאך דערוויל נים דורכגעפיהרט קיין נייע רעפרעסיעס וואס זאלען גילטען אויך פאר דער צייט פון שלום, און אונזערע רעטער פון דעמאקראטיע קענען נאך נעבאך זיין געצוואונגען כאטש אויף א קורצער צייט צו לאזען פריי אפאטעמען דאס אמעריקאנער פאלק, די אמעריקאנער ארבייטער און זיי לאזען געניסען פון פרייער רעדע און פרעסע. און דאס פארדיסט טאקע אונזערע בורבאנען גאנץ שטארק.

* * *

אויך פוילען וועט מעגליך שליסען שלום מיט די סאוועטען.

אזוי ווערט צו גארנישט די „גלארְרייכע" ראל פון דעם נייעם פוילישען שטאאט. דער „פאר־פאסטען פון דעמאקראטיע", דער „שומר פון ציוויליזאציע", וואס האט אזוי בראוו געקעמפט אין די פאדערשטע רייהען אום אפצוהאלטען דעם שטראם פון באלשעוויזם, איז איצט גרייט אויפצוגעבען די גרויסע מיסיאן און מאכען שלום מיט די שוידערליכע סאוועטטען.

אז פוילען איז געווען א ווערקציג אין די הענד פון די עלייס — איינער פון די ווערקציינגען, וואס זיי האבען באנוצט געגען דער ערשטער ארבייטער רעגירונג אין דער וועלט, דארף מען קיים באווייזען. אבער די אומשטענדען האבען זיך איצט געענדערט. די ביטערע נעגנערשאפט וואס די עליים האבען ביז אהער ארויסגעוויזען נעגען דער סאוועט רעגירונג הויבט אן צו פארשווינדען אונטער דעם דרוק פון אומשטענדען. ענגלאנד, פראנקרייך, איטאליען, און די פאראייניגטע שטאאטען הויבען אן צו קומען צום שכל ווענען דער רוסישער לאגע. די קאפיטאליסטען פון די דאזיגע לענדער איבען אויס זייער גאנצען איינפלוס (און זייער איינפלוס איז גוואלדיג און ענטשיידענד) אז דאס געפעהרליכע און אבסורדע שפיעל פון מוטשען רוסלאנד זאל אויפהערען. זיי טוען דאס אוים דעם גאנץ פשוט׳ען גרונד, דאס עס איז בעסער צו האנדלען מיט רוסלאנד און מאכען געלד איידער צו קעמפען געגען רוסלאנד און פארלירען געלד. אויב דאס אפעלירען צו אנשטענדיגקייט און עהרע האט נים געמאכט קיין איינדרוק אויף די אליאירטע רעגירונגען, האט אבער דער קלארער, זאכליכער, געשעפטסמעסיגער „קאמאן סענס" געהאט זיין ווירקונג. די עליים שטימען שוין איין צו האנדלען מיט די רוסישע קאאפעראטיוען, כלומר׳שט אום צו הערלאנגען א טוידט קלאפ דעם באלשעוויזם, אבער אין דער אמת׳ן אום צו ראטעווען דעם גרויסען רוסישען מארק און איהם פארכאפען — יעדער פאר זיין גרופע קאפיטאליסטען.

פוילען איז גרייט צו שליסען פרידען מיט רוסלאנד, ווייל דאס איז איצט די טענדענץ פון דער אליאירטער פאליטיק. פונקט ווי פוילען האט געקעמפט געגען רוסלאנד אונטער׳ן דרוק פון די עליים. דער גרויסער קרייץ־צוג געגען די „שונאים פון ציוויליזאציע" הויבט אן אויסצוקרקען ווי א פארם. דער כלומר׳שטיגער אנפיהרער פון דעם קרייץ־צוג, אבער אין דער אמת׳ן דאס בלינדע ווערקציג פון די ברוטאלע „גרעסמעכטע" — פוילען— שטעהט איצט אויף די קני און בעט זיך שלום צו מאכען. די שטאלצע בדימישע

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union office, 31 Union Square, New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126
B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — E. LIEBERMAN, Business Mgr.
Subscription price paid in advance, $1.50 per year.
VOL. II. No. 6. New York, Friday, Febr. 6, 1920
Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Accepting for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of Ocober 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

ווי עס ארבייט דער קראנקען־פאנד אין דער סקוירט מאכער יוניאן לאקאל 23

(זיינען בענעפיט־פאנדס נויטיג פאר יוניאנס?)

פון ת. וואנדער.

עס האט גענומען א לאנגע צייט ביז דער „סיק פאנד", וועלכען מיר האבען יעצט אין אונזער לאקאל איז איינגעפיהרט געווארען. דאס הייסט, א פאנד האבען מיר יא געהאט, אבער זעהר ווייניג מיטגלידער האבען זיך מיט דעם פאנד געקאנט באנוצען. אום זיך צו באנוצען מיט דעם פאנד, וועלכען מיר האבען פון פריהער געהאט, האט מען געמוזט זיין א „גליקליכער" מענש און קריגען קאנסאמפשאן. א מעמבער האט געמעגט אפקרענקען צוואנציג וואכען, אויב אבער מען האט זיין קרענק ניט געקאנט באטיטלען מיט דעם נאמען „קאנסאמפשאן" איז ער נישט געווען בארעכטיגט צו קיין בענעפיט. פארשטעהט זיך, בלויז איינצעלנע האבען זיך געקאנט מיט דעם פאנד באנוצען. וואס אנבאלאנגט אבער די גאנץ גרויסע מעמבערשיפ זיינען זיי געווען אויסגעשלאסען. נון, אונזערע אקטיווע מעמבערס האבען ענדליך געזעהן אז דאס ארבייט נישט, אז מען דארף דעם פאנד אזוי אויסברייטען, אז אונזער גאנץ גרויסע מעמבערשיפ זאל ציהען די נוצען צו יעדער צייט, און נישט נור אין איינצעלנע, אין אויסערגעוועהנליכע פעלע. און מיר האבען דארום פארגעשלאגען דעם יעצטיגען „סיק פאנד".

די צאהל מעמבערס וועלכע פלעגען קומען צו אונזער עקזעקוטיוו באארד נאך שטיצע, אין פעלע פון קראנקהייט, האט נאך מעהר פארשטארקט דעם גלויבען אז אזא פאנד איז א נויטווענדיגקייט. דאך האבען זיך געפונען געגנער אין אונזער לאקאל געגען דעם פלאן און עס האט אונז גענומען א לאנגע צייט זיי צו איבערציינען אז אזא פאנד איז דורכאויס נעטיג, און אז עס לוינט זיך פאר יעדען מיטגליעד צו באצאהלען צוויי דאלאר א יאהר אום צו זיין פארזיכערט מיט פינף דאלער א וואך אין צייט פון נויט. די טענות פון די געגנער פון דיזען פאנד זיינען געווען, אז „א יוניאן דארף זיך נישט אפגעבען מיט אזעלכע וואכעדיגע זאכען ווי ארויסהעלפען מעמבערס אין צייט פון קראנקהייט." אויף אזעלכע זאכען, האבען זיי ווייטער ארגומענטירט, איז דא אן ארבייטער רינג און אנדערע „בענעוואלענט סאייעטיס", וועלכע זארגען שוין פאר'ן מעמבער ווען ער איז קראנק. זיי האבען אויך מורא געהאט אז די יוניאן וועט פארלירען איהר קאמפעלוסטינקייט פאר פארבעסערונגען אין די שעפער, ווען עס וועט איינגעפיהרט ווערען בענעפיטס פאר די מעמבערס ווען זיי געפינען זיך אויסערן שאפ, א. אז. וו. און די לעצטע טענה זייערע איז געווען, אז עס וועט זיין א אוממעגליכקייט פאר דער יוניאן צו צאהלען פינף דאלאר א וואך בענעפיט, ווען די מעמבערס וועלען בלויז צאהלען צוויי דאלאר א יאהר.

נון, לאמיר זיך פאר א מינוט אפשטעלען אויף די טענות פון די דאמאלסדיגע געגנער און לאמיר זעהען ווי דער פאנד ארבייט אין דער ווירקליכקייט. אמת, עס זיינען דא פארשידענע ארגאניזאציעס וואס זייער צוועק איז בלויז בענעפיטס, דער מעמבער, אבער, ווען ער איז אין נויט, מאכט נישט אויס וואו ער באלאנגט, ערווארטעט (און מיט רעכט) אז זיינע שוועסטער און ברידער, מיט וועלכע ער באלאנגט אין איין יוניאן, זאלען איהם ארויסהעלפען. און וויפיעל איהר זאלט צו אזא מעמבער נישט ריידען, און איהם געבען צו פארשטעהן, אז די יוניאן איז געשאפען בלויז צו פארבעסערען זיין לאגע אין שאפ, און נישט מעהר, אפעלירט עס צו איהם נישט, און ער געהט אוועק מיט דעם געדאנק, אז די יוניאן, זיינע שוועסטער און ברידער, מיט וועלכע ער סטרייקט צוזאמען, פארלאזען איהם אין צייט פון נויט.

אז אזא איינדרוק, אזא געפיהל, איז נישט קיין ווינשענסווערטער, מוז יעדער צוגעבען. דיזער פאנד האט אפגעשאפט דאס קומען פון איינצעלנע מעמבערס נאך שטיצע. היינט צו טאג קומט דער מעמבער נאך עטוואס צו וועלכען ער איז בארעכטיגט, עס האט איהם געמאכט אויס שנארער. און מיר דאכט זיך, אז צוליעב דעם אליין לוינט זיך צו האבען בענעפיטס. דער צווייטער ארגומענט, אז דער יוניאנס טעטיגקייט קאן אפגעשוואכט ווערען. וועל, דער בעסטער ענטפער אויף דעם קאן געגעבען ווערען, ווען מיר וועלען זיך צוקוקען צו דער יוניאנס טעטיגקייט לעצטען יאהר. די בענעפיטס האבען נישט געשטערט דער יוניאן צו סטרייקען און איינפיהרען וואך־ארבייט און פארקירצען די שטונדען. עס האט אפילו נישט געשטערט יעצט צו קריגען אן אפיציעלען רעיז אין ווידזשעס. און איך וואלט געוואלט זעהן איינעם וואס וועט זאגען, אז דער בענעפיט וועלכען מיר האבען, האט עפּיס געהאט א שייכות מיט זיין שאפ קאמפליינט. מיר האבען פאראויסגעזעהן, אז אזא פאנד קאן נור ברענגען גוטעס פאר אונזערע מעמבערס אויסערען שאפ, אבער עס קאן גאר נישט אפשוואכען דער יוניאנס טעטיגקייט אין שאפ.

וואס אנבאלאנגט דעם לעצטען ארגומענט, אז מיר וועלען נישט זיין אימשטאנד צו צאהלען קיין פינף דאלאר א וואך, מיט אזא קליינער צאהלונג ווי צוויי דאלאר א יאהר, מוזען מיר זיך מודה זיין, אז דאס הארץ האט זיך אונז אביסעל געשראקען, מיר האבען געטראכט אפשר האבען זיי אביסעל רעכט. נון, פאר אונז ליגט יעצט דער ערשטער פינאנס רעפארט פון דיזען פאנד פאר'ן יאהר 1919 און מיר קאנען מיט שטאלץ אנצייגען אז דער פאנד האט פאר'ן ערשטען יאהר געארבייט אויסגעצייכענט. פון די אלע קייסעס וועלכע האבען זיך דורך דעם יאהר געמאלדען פאר בענעפיט האבען מיר קיין איינע נישט צוריקגעוויזען. מיר זיינען דעם ערשטען יאהר נישט געווען שטרענג מיט די רולס פון דיזען פאנד. כאטש די רול איז, אז די צייט פאר בענעפיט רעכענט זיך פון דעם טאג ווען דער באטרעפענדער האט זיך געמאלדען קראנק, האט דאך די קאמיטע קיינעם נישט צוריקגעוויזען אויב זי האט זיך נור איבערציינגט, אז דער באטרעפענדער איז ווירקליך געווען אומפעהיג צו דער ארבייט האט ער זיין בענעפיט געקראגען. און נאכדעם, ווען מיר האבען צופרידענגעשטעלט אלע, וועלכע האבען זיך געמאלדען, זיינען מיר נישט נור אויסגעקומען, נור עס האט זיך נאך אפגעשטעלט א באלאנס פון א פאר טויזענד דאלאר, וועלכע איז א גאנץ היבשע סומע ווען מען נעהמט אין אנבאטראכט, אז די צאהלונג איז בלויז צוויי דאלאר א יאהר און דער בענעפיט געהט אין זעהר פיעל קייסעס אזוי הויך ווי פופציג דאלאר פאר א פערזאן.

און מיר קומען צום שלוס, אז די יוניאן קאן אויספיהרען צו געבען פארשידענע בענעפיטס צו איהרע מעמבערס פאר דעם בילינגסטען פרייז, איינפאך דאפיר, ווייל א יוניאן דארף נישט מאכען קיין עקסטרא אויסגאבען. דעם זעלבען בענעפיט וואס מיר קאנען געבען פאר 2 דאלאר א יאהר דארף אין א סאסייעטי קאסטען זיבען אדער אכט דאלאר. אונזער ערפאהרונג דורך דעם יאהר האט אונז געצייגט, אז עס לוינט זיך איינצופיהרען פארשידענע בענעפיטס אין א יוניאן. די מעמבערס ווערען מעהר צוגעבונדען צו דער יוניאן; זיי פיהלען, אז די יוניאן טוט פאר זיי עפּיס אויף צו אלע צייטען, און די יוניאן אלס א גאנצע געפינט זעהר פיעל רערפון.

יום־טוב ביי די וויסט מאכער אין בראנקס

דיזען זונטאג, דעם 8טען פעברואר, וועלען די ליידיס וויסט מאכער, די מיטגלידער פון לאק. 25, וואס וואוינען אין די בראנקס, פייערען דעם ערשטען יאהרעספעסט פון דער עפענונג פון דער יוניאנס ברענטש אפיס אין יענעם געגענד. צו דער געלעגענהייט ווערט אראנזשירט א פאסענדע אונטערנעמונג. עס וועט זיין מוזיק, געזאנג און טאנץ. דאס וועט פארקומען אין לאנדאן קאסינא, 3785 דריטע עוו. דער ענטערטיינמענט וועט זיך אנפאנגען 6 א זייגער אווענט.

די מיטגלידער פון לאק. 25 פון די בראנקס זיינען געבעטען צו קומען און מיטברענגען זייערע פריינד. טיקעטס קאן מען פריי באקומען אין אלע אפיסעס פון לאקאל 25.

א בריעף צום רעדאקטאר

פון מ. סילווער.

ווערטהער גענאסע יאנאווסקי!

איך בין א כעסן א איד, און איבערלעזענדיג יענעם טייל פון אייערע עדיטאריעלע נאטיצען פון היינטיגער וואך, אין וועלכען איהר האט מיט אייער שארפער פען ארייגגעשטאכען אין סאמע הארצען אריין פון א געוועזענעם ארבייטער־פיהרער און א יעצטיגען ריעל עסטייטניק, רחמנא לצלן, — האב איך, ווי איהר זעהט מיך א לעבעדיגען, געפיהלט ווי אנצוזופען א פולען מויל מיט וואסער און אזא שטארקען שפיי טהאן, אזש די גאנצע וועלט זאל פארטרונקען ווערען. במילא וואלט דאס שוין פארנעצט אויך די יעניגע וועלכע לויט זייער פראפעסיאן, זיינען אין דערזעלבער לאגע פון יענע נבאים, פון די גאר־גאר גרויסע צדיקים, וואס צוליעב דער אויסערגעוועהנליכער פראטעקשאן וואס זיי האבען, לאכען זיי אי פון גאט אי פון מענשען.

עפעס צייגט מיר אויס, גענאסע יאנאווסקי, אז היינטיגס מאל האט איהר זיך שוין געוואלט אונטער'חנפ'ענען צו דער גאליארקע. א זאך וואס איז גאר ניט פאסיג פאר אזא אידען ווי איהר!

זאגט מיר דעם אמת, אדוני רעדאקטאר, עס שטעהט טאקע אזוי אין פסוק, אז א רעדאקטאר מעג און דער פשוט'ער בשר ודם טאר ניט?

איהר האלט דאך אין איין בריעף־קאסטענען, אז איידער מען רעדט ארויס א חשד אויף אימיצען, דארף מען די זאך גוט אונטערזוכען און אז דער איינציגער דארף ניט ליידען פאר'ן כלל!

זאגט זשע מיר, אימער וואכענדיגער רעדאקטאר, האט איהר טאקע די זאך גוט אונטערזוכט און אויסגעפונען אז די צוליעב „זייערע פריוואטע ביזנעס שטעהען זיי אויף א זעהר פריינדשאפטליכען פוס מיט די יעניגע געגען וועמען זיי האבען ביז יעצט אנגעפיהרט א קאמף?"

און אויב איך זאל שוין וועלען זיין אזא גרויסער בעל מאמין'יק און גלויבען אז איהר האט אזא איינצעלנע קיים יא אונטערזוכט, האט איהר, פרעג איך אייך, טאן־געגעבער פון אונזערע רבות, מחנות און לעניאנען ליידיס גארמענט ווארקערס, געהאט א רעכט צו מאכען דערפון א כלל־זאך?

איך בין ניט גענייגט צו שרייבען אדער פאלעמיזירען לאנג איבער דיזער פראגע, ווייל, ערשטענס, בין איך ניט דער אנגעלאדענער אדוואקאט פון אלע רעזיגנירטע „פעהיגע פיהרערס", און צווייטענס, האט איהר גענ. רעדאקטאר מיט אייער „דריטער פראבלעמע" זיך אליין אביסעל אנגעפאטשט. איך וויל בלויז קאנסטאטירען א קלייניגקען פאקט און איך דערצעהל אייך דאס, ניט חלילה, ווייל איך וויל פון אייך א דאנק דערפאר, אדער, ווייל איך וויל זיך גרויס מאכען ביי אייך אין די אויגען.

א איד, א ריעל עסטייטניק, קעהרט שוין ניט פאר די זאכען.

אט וואס איך וויל אייך דערצעהלען: אין מאנאט דזשון אדער אויגוסט האב איך מיין „דזשאב" אפיציעל אויפגעגעבען. די אורזאכען וועל איך אייך ניט אנגעבען, ווייל ס'וועט הייסען אז איך באקלאג זיך און בעט רחמנות און רחמנות בעטען האס איך ווי דעם טויט.

און איך בין אריין אין א ביזנעס וואס איז „פריינדליך פיסלעך" מיט די יעניגע, געגען וועלכע איך האב געקעמפט. און איינשורענס אגענט בין איך געווארען. וואס דען טהוט א וואקינג דעלעגאט פון א יוניאן, ווען ער ניט אויף זיין אמט?

און אז מען פארקויפט שוין יא איינשורענס, טא צו וועמען זאל מען עס פארקויפען — צו קבצנים? בין איך מסתמא געגאנגען צו די רייכע — צו די מאנופעקטשורערס. און איך האב טאקע ב"ה געמאכט א פאר טולער אויך...

מען דארף דאך מאכען א לעבען! איך האב אבער אויף מיין נשמה אויפגעפאסט, גענאסע רעדאקטאר! איך האב מיינע אייבינע איבערצייגונגען פאר קיין טאפ לינזען ניט פארקויפט און איך האב דעם טייפעל אין די הענט אריין ניט געשפיעלט.

איך האב מיט דער גרעסטער אויפריכטיגקייט און מיט ציטערנדיגער מורא אפגעהיט דעם גרענעץ, אז איך זאל חלילה ניט געשטרויכעלט ווערען.

גלויבט איהר מיר, — צו איהר זענט אפשר נאר א לינקער?

אלזא, אפייצעל, וואס אנבעלאנגט „זשאלאוואניא" בין איך אן „אסטסטאוונאי", אבער א שומר חינם בין איך שוין גאר א גוטער.

און אזוי שוין 5 מאנאטען ב"ה אז איך שטעה אין זעהר פריינדליכע באציהונגען מיט די בעלי בתים און קיין איינער פון די 5 טויזענד מעמבערס פון אונזער יוניאן (ענטשולדיגט מיר, איך מיין פיער טויזענד ניין הונדערט און ניינציג...) האט נאך ניט געהאט די מינדעסטע אורזאכע מיך חושד צו זיין אין קונקעל־מונקעל ביזנעס!

בלויז קיין טשעקס קריג איך ניט, אבער אדזשאסטמענטס מאך איך דיזעלבע ווי אין די אלטע צייטען!

ווערט איהר דאך מיר פרעגען, צו וואס דער אנשטעל?

וועל איך אייך ענטפערען, אז... אז... געה רעדער, זאג און טענה!

אז עס ווילט זיך ניט אימיצען אנטערטען אויף די מאזאליעס!

איך פרעג אייך, גענ. רעדאקטאר, אין'ם סעטעלמענט וואס מיר האבען דא ניט לאנג אויסגעקעמפט אין פילאדעלפיא, זעהט איהר עפעס א פינגער פון א ריעל־עסטייטניק?

און אויך אז א ריעל עסטייטניק האט געקענט מאכען דעם דזשאב בעסער פון א „רענעלען" — טא פאר וואס איהם וועה טאן?

וואלט פיליכט געווען צייטיג און ראטזאם, איידער די אינטערנעשאנאל פאנגט אן צו האנדלען מיט שטרייגנקייט, זיך אפצוטראגען?

מיט מעהר ווי ענטריסטונג,
אייער
א. סילווער.

זיינען צופריעדען מיט'ן רעזולטאט פון די קאנפערענצע.

ווערטהער הערר רעדאקטאר:

ערלויבט אונז א שטיקעל אין די „גערעכטיגקייט" אויסצודריקען אונזער דאנק צו אונזער יוניאן.

מיר, די ארבייטער פון א. פינקעלשטיין, 14 וו. 17טע סט. פארזאמעלט אויף א שאפ מיטינג מאנטאג אבענד דעם 26טען יאנואר אין סטייסענט קאסינא און אויסהערענדיג א רעפארט פון אונזער ביזנעס איידזשענט ברודער אייזענשטאט וועגען די רעזולטאטען פון דעם קאנפערענץ, איז באשלאסען געווארען איינשטימיג אויסצודריקען אונזער הארציגען דאנק צו די אפיסערס פון די יוניאן פאר זייער שווערער און אונערמידליכער ארבייט ביי דער קאנפערענץ און די בראווע שטעלונג צו גונסטען די ארבייטער, און מיר זיינען העכסט צופרידען מיט דעם רעזולטאט פון זייער ארבייט.

מיט טרייד יוניאניסטישען גרוס,
רעזאלוציאנס קאמיטע:
ווישיא, לאקאל 1.
היימי, לאקאל 9
מיער, לאקאל 35.
ב. קרינסקי,
שאפ טשערמאן.

פרעזענטירען א ביזנעס איידזשענט פון דער קלאוקמאכער יוניאן

ווערטער הערר רעדאקטאר:

ערלויבט אונז צו באנוצען זיך מיט אונזער „גערעכטיגקייט" צו באדאנקען פאר גוטע ארבייט דעם ביזנעס איידזשענט פון אונזער יוניאן, ברודער אייזענשטאט.

מיר, די ארבייטער פון קישלאנסקי בראס. שאפ, 12 וועסט 17טע סטריט, אנערקענענדיג די בראווע שטעלונג און אונערמידליכע ארבייט פון אונזער ביזנעס איידזשענט, ברודער אייזענשטאדט, פאר אונז ארבייטער, דריקען אויס אונזער טיפען דאנק צו איהם דורך א פרעזענט פון 2 סעטס ביכער, היינריך היינע'ס און מאפאסאן'ס שריפטען, און מיר ווינשען איהם געזונטערהייד זיי צו לעזען.

מיט טרייד יוניאניסטישען גרוס,
ל. קאהען, א. קישלאנסקי,
א. וואלדמאן — פרעס קאמ.

צו די טשערלייט פון די פראטעקטיוו קלאוק שעפער!

די טשערלייט פון די פ. פראטעקטיוו קלאוק שעפער ווערען אויפגעפאדערט צו ברענגען אין אפיס פון דער יוניאן די נייע פרייז־ליסטען, מיט דעם רעיז וואס די ארבייטער האבען איצט באקומען.

אין נאמען פון דזשאינט באארד,
דזש, רובין,
מענעדזשער פראטעקטיוו
דיוויזשאן.

צוויי עקזעקוטיוו באארד מיטינגען פון לאקאל 25

א מיטינג פונ'ם עקזעקוטיוו באארד פון דער לײדיס װײסט און דרעס מײקערס יוניאן, לאק. 25, אפגעהאלטען דינסטאג אװענט, דעם 27טען יאנואר, 1920 אין 16 װעסט, 21טע סטריט, ברודער זילבערמאן — טשערמאן.

א קאמיטע פון די ארבייטער פון דער „עם און עם דרעס קא." פארלאנגט אז דער עקז. באארד זאל זעהן אז אין דעם שאפ פון דער פירמע שווארץ און מארקוס, וועלכע ארבייטער פאר דער „עם און עם" און וואו עס ווערט געארבייט שטיק ארבייט זאל איינגעפיהרט ווערען די וואך־ארבייט סיסטעם אזוי ווי ביי דער פירמע „עם און עם" פאר וועלכער זי ארבייטען. דער עקז. באארד נימט איבער די אנגעלעגענהייט צום אפיס.

בר. מאיר אסטראווסקי, פארשטעהער פונ'ם בראנזווילער בראנטש אינ'ם עקז. באארד, שיקט אריין זיין רעזיגנאציע אלס מיטגליעד פונ'ם באארד, זיין רעזיגנאציע ווערט אנגענומען.

אויפ'ן פארלאנג פון דער קאמיטע פון 17 פון דער ניו יארק סיוויק און לייבער קאנפערענץ, ווערען בר. שעהנהאלץ און בר. מאקאף ערוועהלט צו פארטרעטען אונזער יוניאן אויף דער קאנווענשאן, וואס ווערט גערופען אין אלבאני אויף שבת, דעם 31טען יאנואר, איינס אזייגער בייטאג.

די קאמיטע פון דריי וואס איז ערוועהלט געווארען צו האנדלען אין די פראגען פון די פארשיעדענע קאמיטעס, וואס זייגען ערשינען אויף דם עקז. בר. מיטינג, פונ'ם 20טן יאנואר, שטעלט צו איהר באריכט און פאלגענדע ענטשיידונגען ווערען געמאכט:

1) גוט צוהייסען די האנדלונג פון בר. רייזבערג אין דער פראגע פון איוואו ליפסען פון דער עלים קאסט. קא.

2) גוט צו הייסען די האנדלונג פון דער קאמיטע אין דער פראגע פון ראזען בראדער'ס שאפ.

4) גוט צוהייסען די רעקאמענדאציע פון דער קאמיטע בנוגע די קלאוזערס פון דער „ז. און עם מידי קא.", אז די דאזיגע ארבייטער זאל ניט ערלויבט ווערען זיך צוריקצוקעהרען צו דעם דערמאנטען שאפ, און אז גענען זיי זאל געבראכט ווערען א קלאגע צו דער גריוועגס באארד פאר ניט אויספאלגען די יוניאן רעגולאציעס.

4) צו קויפען פאר 25 דאלאר טיקעטס צו רענד־סקול קאנצערט, וואס וועט געגעבען ווערען אין „סענטשורי טעאטער, זונטאג, דעם 25טען יאנואר.

ברודער רייזבערג שיקט אריין זיין רעזיגנאציע אלס מענעדזשער פונ'ם אינדעפענדענט דעפארטמענט, אנגעבענדיג אלס אורזאך פאר את דער האנדלונג זיין שוואך געזונט. זיין רעזיגנאציע — פארלאנג ברודער רייזבערג זאל אריין אין קראפט ניט שפעטער פונ'ם 20טען פעברואר, און ער ערקלעהרט, אז ער גיט אביין דעם באארד עטליכע וואכען צייט בכדי דער באארד זאל האבען די מעגליכקייט נאכצוזוכען א פאסענדע פערזאן פאר דעם דערמאהנטען אמט, ווייל ער אליין וועט בשום אופן ניט קענען ווייטער בלייבען אין זיין אמט. בר. רייזבערג דריקט אויף אויס זיין באדויערונג, וואס ער איז געצוואונגען צו מאכען דעם שריט אין א צייט ווען די יוניאן האט אזוי פיעל ערנסטע און שווערע ארבייט אויסצוטאן, אבער ער ווינשט און האפט, אז די יוניאן וועט האבען גרויס ערפאלג אין איהרע אלע איצטיגע און ווייטערדיגע אונטערנעהמונגען.

דער עקז. באארד באשליסט, נאך א לאנגער דיסקוסיע, צו ערוועהלען א קאמיטע, וואס זאל זיך זעהן מיט בר. רייזבערג און איהם באוועגט צו בלייבען אין זיין אמט. די קאמיטע באשטעהט פון ברידער קאהן, עהרליך און לופען, און שועסטער דזשענעט און ראטשטיין.

בר. ליבערמאן שיקט צו א צושריפט, אין וועלכען ער לאזט וויסען דעם באארד, אז א קאמיטע פונ'ם עקז. באארד, באשטעהענד פון שוועסטער פעקער און ראפאפּ, האבען אינ'ם נאמען פון באארד זיך געווענדעט צו איהם מיט דעם פארלאנג, אז ער זאל איבערנעהמען די מענעדזשמענט פון דער יוניאן אויף א מאנאט צייט. די קאמיטע האט איהם דערביי אנגעוויזען אויף דער ספעציעלער סיטואציע אין וועלכער די מענעדזשמענט פון דער יוניאן געפינט זיך אין איצטיגען מאמענט.

אין אנבעטראכט פונ'ם פאקט, וואס בר. ליבערמאן איז ביז ניט לאנג געווען פארבונדען מיט אונזער יוניאן פאר כמעט צעהן יאהר צייט, און זיך רעכנענדיג אויך מיט דער איצטיגער אויסערגעוועהנליכער לאגע פון דער יוניאן, דריקט בר. ליבערמאן אוים זיין באריייטקייט אנצונעהמען דעם אייפטראג פון דער יוניאן, כאטש אונטער די אומשטענדען באטייט דאס פאר איהם א גרויסער אפפער פון זיין זייט.

צום שלוס פון זיין צושריפט שטעלט בר. ליבערמאן צום עקז. באארד צוויי באדינגונגען:

1) אז ער נעהמט איבער די פיהרונג פון דער פארוואלטונג אויף ניט מעהר ווי איין מאנאט צייט, האפענדיג אז ביי יענער צייט וועט דער באארד האבען צונעזוכט א פאסענדע פערזאן פאר דעם אמט; און

2) אז ער זאל האבען די אויטארייטעט צו האנדלען אין פראגען, וואס האבען א שייכות צו אירגענד וועלכען דעפארטמענט פון דער יוניאן.

בר. ליבערמאנ'ס צושריפט ווערט דיסקוטירט און עס ווערט באשלאסען צו באוויליגען זיינע באדינגונגען. דער סעקרעטער ווערט אינסטרואירט דאס מיטצוטיילען בר. ליבערמאנ'ען.

א מעמאראנדום, צונעשטעלט פונ'ם אדוויייזארי באארד פון די פרעסערס, ווערט פארגעלעזען. אינ'ם מעמאראנדום ווערען אויסגערעכענט די פריוויליעגיעס און רעכט, וואס דער אדוויייזארי באארד פארלאנגט אונטער זיין אויטאנאמיע.

א קאמיטע, באשטעהענד פון ברידער היימאן, לופען און עהרליך און שוועסטער סטיין און גאלדבערג, ווערט ערוועהלט צו האבען א זיצונג מיט'ן אדוויייזארי באארד און געמיינשאפטליך אויסצוארביטען אן ארבייטזאמען פלאן פאר דער דורכפיהרונג פון די דערמאהנטע פארדערונגען. דער אויסגעארבייטער פלאן זאל צונעשטעלט ווערען צום עקז. באארד פאר גוט־הייסונג.

עס ווערט באשלאסען, אז דער באריכט פון דער קאמיטע, וואס איז ערוועהלט געווארען אויסצוארבייטען די נויטיגע ארגאנזשירונגען מיט דעם איטאליענישען לאקאל, זאל אויפגענומען ווערען אלס דער ערשטער פונקט אויף דער נעקסטער זיצונג פונ'ם עקז. באארד.

א ספעציעלע זיצונג פונ'ם עקזעקוטיוו באארד פון דער ווייסט און דרעסמייקערס יוניאן לאק. 25 איז אפגעהאלטען געווארען זונטאג, פעברואר דעם 1טען, 1920, 11 אזייגער אין דער פריה אין 16 וועסט, 21טע סטריט. בר. ה. זילבערמאן טשערמאן.

בר. הארוויץ באריכטעט די רעזולטאטען מיט דער דרעס אסאסיאיישאן. ער האט פארגעלעזען דעם באריכט פון דר. מאגנעס וואס איז געווען דער אומפארטייאישער טשערמאן פון ביידע צדדים, דער באריכט איז אדרעסירט צו דער אינטערנעישאנאל פאר דער יוניאן און צו דער דרעס אסס'ן פאר די מאנופעקטשורערס. די איינצעלהייטען פון דעם סעטעלמענט וועט דער לעזער געפינען אויף דעם ערשטען פיידזש פון דעם היינטיגען נומער „גערעכטיגקייט".

דער באריכט פון דער קאנפערענץ־קאמיטע ווערט דיסקוטירט און איינשטימיג גוטגעהייסען, עס ווערט אויך באשלאסען אינ'ם נאמען פונ'ם עקז. באארד פון אונזער יוניאן און אויך אונזערע פארבינדעטע לאקאלען 10 און 89 וועמעם פארטרעטער זיינען געווען אנוועזענד צום מיטינג אויסצודריקען א דאנק דער גאנצער קאנפערענץ קאמיטע ספעציעל בר. באראף, דזשענעראל סעקרעטער און טרזש. וואס האט פיעל מיטגעהאלפען דורך זיין אונערמיעדליכער ארבייט צו ערגרייכען דיעזען סעטעלמענט. אויך ווערט באשלאסען צו שיקען א דאנק בריעף דר. מאגנעס פאר זיין מיה וואס ער האט פיעל מיטגעהאלפען אין דער ארבייט פון די קאנפערענצען פון ביידע צדדים צו קומען צו א פריעדליכען אויסגלייך.

די קאנפערענץ קאמיטע באריכטעט אויך וועגען די פארהאנדלונגען מיט דער ווייסט און דרעס אסס'ן, דאס דינסטאג אוונד וועלען זיך טרעפען ביידע קאמיטעס פון דער יוניאן און אסס'ן צו פארהאנדלען די פאדערונגען פון דער יוניאן. און נאך א לאנגער דיסקוסיע נאכדעם ווי די האלטונג פון דער ווייסט און דרעס אסס'ן ווערט ארומגערעדט און די קאנפערענץ קאמיטע קריגט אינסטרוקציעס, ווערט דער מיטינג געשלאסען.

י. שעהנהאלץ, סעק.

וויכטיג פאר מעמבערס פון לאקאל 21

מעמבערס פון לאקאל 21, וועלכע געפינען זיך אין ניו יארק קאנען צאהלען דיוס אין אפיס פון דזשאינט באארד, 40 איסט 23טע סטריט, אויף דעם ערשטען פלאר.

עקזעקוטיוו באארד לאק. 21.

דער גרויסער פרייהייטס־קאנפערענץ אין אלבאני

600 דעלעגאטען פון ארבייטער ארגאניזאציאנען און סיוויק פאראיינען פון גאנצען שטאאט ניו יארק ערקלערען זיך גרייט צו העלפען די פינף אויסגעשלאסענע סאציאליסטישע אסעמבלימען.

שבת דעם 31טען יאנואר, 1920, וועט פארשריבען ווערען מיט רויטע בוכשטאבען אין דער געשיכטע פון דער ארגאנירטער ארבייטער באוועגונג פון סטייט ניו יארק; דאס וועט פארבלייבען א טאג, וועלכער וועט עדות זאגען, אויף דעם געזונטען גייסט און נשמה וואס באלעבט דעם גרויסען קערפער פון דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט אין ניו יארק סטייט.

אויף דעם רוף פון דער „17נער" קאמיטע, אן עקזעקוטיווע פון א ניו יארקער קאנפערענץ פון ארבייטער און סיוויק קערפערשאפטען, האבען זיך אפגערופען זעקס הונדערט דעלעגאטען פון פיעלע שטעדט און שטעטלעך אין דעם שטאאט, און האבען איינשטימיג און מיט גרויס ענטוזיאזם אנגענומען פיעלע רעזאלוציאנען, דאס די אמאליגע אמעריקאנער פרייהייט זאל צוריק איינגעשטעלט ווערען. אין די רעזאלוציאנען ווערען אויפגעפאדערט די פרייהייטס־ליעבענדע בירגער פון לאנד בכלל און די ארבייטער ארגאניזאציאנען בפרט, זיך צו שטעלען געגען די אלע פאליטישענס, וועלכע האבען זיך פארנומען צו קרייצינען די פרייהייט פון דעם לאנד, און נידערצושטימען די יעניגע מיטגלידער פון דער אסעמבלי, וועלכע האבען געשטימט פאר דער אויסשליסונג פון די פינף סאציאליסטישע אסעמבלימען.

צווישען די פיעלע רעזאלוציאנען וואס זיינען אנגענומען געווארען געפינט זיך איינע וואס פאדערט אויף די בירגער פונ'ם שטאאט צו זעהען, אז די „דעקלארײשאן אוו אינדעפענדענס" וואס איז געשריבען געווארען פון די פרייע אמעריקאנער, פון די פאטערס פון דער רעפובליק אין יאהר 1776, זאל ווייטער אפגעהיט ווערען. עס איז אנגעוויזען געווארען אויף די פיעלע רעאקציאנערע און שעדליכע געזעצען וואס ווערען איצט פארגעשלאגען אין די פארשידענע געזעצגעבענדע קערפערשאפטען איבער'ן לאנד און עס איז געצייגען די אויפמערקזאמקייט, ווי אלע דיזע געזעצען זיינען דאס רוב שעדליך פאר די אינטערעסען פון ארבייטער קלאס.

א צווייטע רעזאלוציע פאדערט צו ארגאניזירען א באשטענדיגע קאמיטע איבער'ן גאנצען שטאאט, וואס זאל פרעזענטירען יעדער קאונטי און דיסטריקט פון ניו יארק סטייט, וועלכע זאל צוזאמען מיט דער 17נער קאמיטע פון ניו יארק פארטזעצען דעם קאמף פאר דער אויפהאלטונג פון די פאליטישע פרייהייטען אין שטאאט און איבער'ן לאנד. עס איז באשלאסען געווארען דאס דיזע סטייט קאמיטע און קאאפעראציאן מיט דעם עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער ניו יארק סטייט פעדערײשאן אוו לייבאר.

און פון אן עהנליכען זין זייגען אנגענומען געווארען נאך א סך רעזאלוציאנען.

די דעלעגאטען וואס זיינען אנוועזענד געווען אויף דיזער היסטארישער קאנווענשאן, האבען פארטראטען לאקאל יוניאנס און צענטראלע קערפערשאפטען פון ניו יארק, אלבאני, טרא, סקענעקטעדי, בינגהאמטאן, אסוועגא, באפלא, לאקאוואנא, ראטשעסטער, סיראקיוז, גלען פאלס, יוטיקא, קינגסטאן, דזשיימסטטאן און נאך אנדערע שטעטליך אין דעם סטייט.

צום קרעדיט פון אונזער אינטערנעשאנאל דארף געזאגט ווערען, דאס כמעט אלע אונזערע ניו יארקער לאקאלס האבען געשיקט דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן. אונזער דזשענעראל אפיס איז דארט געווען פארטראטען דורך די ברידער הערי וואנדער און מאקס ד. דעניש.

דער טשערמאן פון דער קאנווענשאן איז געווען דזשאזעף ד. קענאן, פון דער סמעלטער ווארקערס יוניאן פון לאקאוואנא און דער וויים־טשערמאן, דזשאן פ. לייסי, פון דער סענטראל לייבאר יוניאן פון באפלא.

עס זיינען דאכט זיך אויך געווען פארטרעטער פון דער לייבאר פארטי פון דער „קאמיטע פון 48", און פון נאך אנדערע ליבעראלע סיוויק קערפערשאפטען. צווישען די רעדנער זיינען געווען, וויליאם מאקדאנאלד, אסאשיאייט עדיטאר פון דער „ניישאן", ארטור העיז, דער טשערמאן פון עקז. באארד פון דער קאמיטע פון 48 און קלארענס סטעדמאן, דער הויפט לאיער פון די סוספענדירטע סאציאליסטישע אסעמבלימען.

לידיס טיילארס יוניאן פון שיקאגא פארלאנגט א העכערונג אין שכירות.

די מיטגליעדער פון אונזער לידיס טיילארס יוניאן פון שיקאגא, לאקאל 104 האבען געהאט א גוט באזוכטען ספעשעל מיטינג, דעם 27טען יאנואר, וואו עס איז באשלאסען געווארען צו פארלאנגען פון די בעלי בתים א העכערונג אין שכירות, אום נאכצוקומען דעם גרויסען יקרות אויף די לעבענס מיטעל.

די יוניאן פארלאנגט א העכערונג פון 25 פראצענט. דאס וועט ברענגען דעם מינימום סקייל פאר קאוט מאכער צו 55 דאלער א וואך, און אין דער זעלבער פראפארציע זאל אויך געהעכערט ווערען די שכירות פון די אנדערע ארבייטער אין טרייד.

עס איז צו האפען, אז די לידיס טיילארס באסעס פון שיקאגא וועלען איינזעהן אז די פאדערונג פון דער יוניאן איז א גערעכטע און וועלען נאכגעבען אהן שוועריגקייט. זאל זיך אבער אויסלאזען אנדערש, דאס הייסט, טאמער וועלען זיי מיט גוטען ניט וועלען נאכגעבען, איז די יוניאן גרייט אויפצונעהמען א קאמף דערפאר. די ארבייטער וועלען דורכאויס באשטעהן דיזע העכערונג אין שכירות צו באקומען. די נאהנטע צוקונפט וועט ווייזען ווי די זאך וועט זיך דארט אויסדרעהען, אהן א קאמף אדער דורך א קאמף.

אדווערטייזמענט

מאַגען מאַטיווען.

ע ק ס - ל א ק ס איז א גוטע זאך,
זיס ווי פאמעראנצען;
ווען די קינדער זעהען ע ק ס - ל א ק ס,
זינגען זיי און טאנצען.

גיעב אונז ע ק ס - ל א ק ס, מאמעניו,
ליארמען זיי און שרייען,
דאס וועט אונז פון מאגען־קרעמפף,
פון מאגען־וועה בעפרייען.

און די מאמע מוט פערשטאנד
לאזט זיך נים לאנג בעטען;
זי קויפט א באקסעלע ע ק ס - ל א ק ס
און גיט זיי צו טאבלעטען.

דער מיטינג פון דזשאינט באארד

עס ווערען פארגעלעזען צושריפטען.

לאקאל 82 אינפארמירט, אז זיי זיינען איינגעלאדען צו דער קאנווענשאן פון דער „לייבאר פארטי" פאר פעברואר דעם 26טען. אין דעם צושריפט ווערט געזאגט, אז דער לאקאל איז צו גונסטען פון אזא קאנווענשאן, נאר דער לאקאל פארלאנגט, אז דער דזשאינט באארד זאל עס צוערשט באשליסען צו די לאקאלס וועלכע זיינען מיט איהר פאראייניגט קענען אטענדען צו דער קאנווענשאן.

דער לאקאל פארלאנגט, אז דער דזשאינט באארד זאל אויפנעהמען די פראגע און זיך אויסשפרעכען וועגען דעם.

דער צושריפט ווערט איבערגעשיקט צום באארד אוו דירעקטארס.

די קאמיטע פון 17 צו העלפען די אויסגעשלאסענע סאציאליסטישע אסעמבלי לייט צוריק צו געווינען זייערע פלעצער אין דער ניו יארק סטייט אסעמבלי לאדעט איין דעם דזשאינט באארד צו א קאנווענשאן פאר שבת, דעם 30טען יאנואר, אין אלבאני.

די איינלאדונג ווערט אנגענומען און די ברידער פיינבערג, ברעס און דאטי ווערען געשיקט צו דער קאנווענשאן.

ברודער באראף, דער דזשענעראל סעקרעטער פון דער אינטערנעשאנאל, באגריסט די דעלעגאטען מיט דעם לעצטען נצחון, וואס דער דזשאינט באארד האט געוואונען. אונזער דזשענעראל סעקרעטער ערקלעהרט, אז צוליעב דעם נצחון פון די קלאוקמאכער וועלען אויך די מאנופעקטשורערס פון די אנדערע טריידס פון דער „לוידיעס גארמענט אינדוסטריע" דארפען העכערן זייערע ארבייטער די שכירות.

פריינד אלעקסאנדער טראכטענבערג, וואס האט פאר דער יוניאן צוזאמענגעשטעלט די סטאטיסטיקס, גראטולירט די יוניאן מיט איהר לעצטען געווינס.

צווישען אנדערעס ערקלעהרט ער, אז אזא גרויסע יוניאן ווי אונזערע מוז האבען א סטאטיסטיקעל דעפארטמענט, וועלכער זאל בלויז זיין באשעפטיגט אויף צוזאמענקלייבען פארשידענע „דאטאס" פון פארדיענסטען פון אונזערע ארבייטער, וועגען די פרייזען פון לעבענס-מיטלען, און זאגאר די פראפיטען פון אונזערע מאנופעקטשורערס. היינטיגען טאג, ערקלעהרט ער, קען מען ניט מעהר פארלאנגען העכערונגען אויף ווירדזשעס אהן ארויזאכען פאר אזעלכע העכערונגען.

פריינד טראכטענבערג גיט אין דער זעלבער צייט קרעדיט לאקאל 35. די ציפערן, וואס דער לאקאל האט צוזאמענגעשטעלט איז געווען זעהר וויכטיגער מאטעריאל, וועלכער האט געהאלפען זעהר פיעל צו דעם געווינס פון רעיז.

עס ווערט פארגעלעזען דער אפיס-רעפארט.

ברודער פיינבערג באריכטעט וועגען דעם רעיז, וואס אונזערע מעמבערס האבען געקראגען און ער באהויפטעט, אז דער געווינס האט ארויסגערופען צופריעדענהייט צווישען אונזערע מעמבערס.

ער באריכטעט ווייטער, אז אין די אפיסעס הערשט ארדנונג. די ארבייטער אטענדען טראץ דעם וואס פיעלע פון אונזערע אפיסערס זיינען קראנק פון דער „אינפלוענציע".

ער באריכטעט אויך, אז דער סטרייק געגען דער פירמע גרובארד, פון סטעמפארד, וואס די יוניאן האט געפיהרט פאר די לעצטע עטליכע יאהר, איז די וואך געסעטעלט געווארען דורך ברודער לאנגער און די ארבייטער האבען געוואונען א קלאוזד יוניאן-שאפ.

דער רעפארט פון ברודער פיינבערג ווערט איינשטימיג גוטגעהייסען.

מיט דעם ווערט דער מיטינג געשלאסען.

ל. לאנגער, סעק.

פראפ. גאלדבערג אין הארלעם יוניטי סענטער

אן אינטערעסאנטע און באלעהרענדע סעריע לעקטשורס אין אידיש, און איבער אידישע שרייבער וועט זיך אנפאנגען דיעזען פרייטאג, דעם 6טען פעברואר, 7.45 אוהר אווענד אין הארלעם יוניטי סענטער, פאבליק סקול 171, 103טע סט. צווישען מעדיסאן און 5טע עוועניוס. דער לעקטשורער וועט זיין פראפעסאר אב. גאלדבערג, וועלכער איז א גרויסער אויטאריטעט איבער אידישער ליטעראטור. אין דיעזער סעריע וועט פראפעסאר גאלדבערג באהאנדלען די ווערק פון פרץ, שלום אש, רייזין, יעקב גארדין, דוד פינסקי, פרץ הירשביין און אנדערע.

דיעזע לעקטשורס וועלען פארטגעזעצט ווערען יעדען פרייטאג אווענד.

איינטריט איז פריי צו מיטגליעדער פון דער אינטערנעשאנאל.

א געזייעג נאך ליעבע

(ראמאן)

פון פאלינא וואלמי

אידיש פון אברהם נירענבערג.

(פארטזעצונג)

זי האט אליין געקעמפט מיט דער אויפרעגונג וואס זי האט ארומגעכאפט און וועלכע זי אליין האט געהאלטען פאר א פיינדליכע; זי האט געקעמפט מיט דעם פארלאנג אפצולאזען די הענט און בעטען רחמים ביי דעם יונגלינג, אז ער זאל ווערען דער באשיצער און פארזארגער פון דעם נפש'ל, וואס איז איצט געשלאפען אין דעם צימער איבער זיי מיט איהר ערשטען שלאף.

מארי-לואיז איז געווען טראגיש און צוזאמען דערמיט ריהרענד אין איהר דונקעלער פעלערינע, וואס האט פארדעקט איהר פראכטפולען קערפער, וואס האט געציטערט פון קעלט און ערווארטונג. אין דער זעלבער צייט האט זשארזש'ן ארומגענומען א פארלאנג זי צו בארוהיגען, פארטריבען איהר מורא, באפרייען זי פון אט דער פיבערדיגער לאגע.

— מארי-לואיז, ענטשולדיגט מיר, איך בין שולדיג, אין אלעם שולדיג, איך לייקען עס ניט... איך בעט ביי אייך ענטשולדיגונג, וואס איך האב אייך פארשאפט אזוי פיעל לייד.

— דאס האט גארנישט צו טהאן מיט מיר, מיר רעדען איצט וועגען סעלינע'ן און איהר טאכטער.

— איך וועל זיי ניט אוועקווארפען... גיט אוועק דאס קינד צו עפעס אן אם, איך וועל צאהלען דערפאר...

מארי לואיז האט א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ. עס איז געווען קלאר, אז ער ציהט אפ צו געבען אן ענטשיידענדען ענטפער. זעהענדיג זיין נידערטרעכטיגקייט און גלייכגילטיגקייט האט זי זיך געערגערט און זי האט זיך געפיהלט טיעף באליידיגט פאר דער שאנד, וואס ער האט ארויפגעווארפען אויף זיי אלע אין געשטאלט פון איהר שוועסטער. זי האט געענטפערט:

— זאגט אפען, אז איהר האט קיין גרויסען חשק ניט צו אנערקענען זיך פאר'ן פאטער פון קינד, ווייל דאס וואלט ארויפגעליינט אויף אייך א געוויסע פאראנטווארטליכקייט... זייט זיך מודה, אז איהר טראכט בלויז וועגען אייער אייגענעם גענוס, וועגען באפרידיגען אייערע נידריגסטע אינסטינקטען. נעמט אראפ פון זיך די מאסקע! איהר האט ניט קיין געפיהל פון פאראנטווארטליכקייט און קיין געוויסען און ווען איך וואלט זיין אויף סעלינא'ס ארט, וואלט איך מיט אייך ניט חתונה געהאט... איהר זייט איהר ניט ווערטה!... איהר זייט ערגער פון א ווילדען, איהר זייט ערגער פון א חיה, ווייל זיי זארגען פאר זייערע קינדער, פאר זייערע פאמיליען... קיין גרויסע מתנה גיבען מיר ניט דעם דאזיגען קינד, — וועגען וועלכען איהר ווילט זיך אפילו נישט ערקונדיגען וואס עס מאכט, כאטש איהר ווייסט שוין מעהר פון א האלבער שטונדע פון זיין עקזיסטענץ, — ווען מיר גיבען איהם אזא פאטער.

א צוטומעלטער, א פארטויבטער פון אט דעם שטראם רייד, וואס האט איהם זעהר וועה געטאן און באליידיגט, האט ער ארויסגעמורמעלט איינינע ענטשולדיגונגס-ווערטער.

עס איז אמת, אז א פארזונקענער אין געדאנקען וועגען זיין לאגע, האט ער אין גאנצען פארגעסען אז עס איז געווען זיין חוב זיך צו ערקונדיגען, וועגען דעם שטיקעל פארמלאזען פלייש, וואס עס האט מיט זיך געוויס פארגעשטעלט זיין טאכטער.

פון איידעלקייט וועגען האט ער זיך נאכגעפרעגט צו סעלינא האט ניט איבערגעס געליטען. מיט עקעל האט ער זיך פארגעשטעלט איהר צוריסענעם בויך. אין זיינע אויגען, אין די אויגען פון א זינליכען געליעבטען וואס איז הויפטזעכליך געווען פארליעבט אין סעלינא'ס פראכטפולען לייב, האט זי גענומען פארלירען איהר באצויבערנדע שעהנהייט. די יונגע שעהנהייט וואס האט זיך ליידענשאפטליך פריהער געווארפען אין זיינע ארעמס, איז איצט געווען א פרוי וואס טויג שוין אויף „גאר נישט" ניט... מארי-לואיז האט ניט באוויזען איהם צו ענטפערן, ווי אין פאדער-הויז האט זיך ארונטערגעלאזען א גאנצע מחנה. מיט א גערויש האט זיך די טיר געעפענט און ראזא, לעאני און זשעני אין פענוארען, מיט צולאזענע צעפ האבען זיך א ווארף געטאן צו זשארזש'ען... אבער נישט מיט אויסגעשטרעקטע נעגעל — אויף זייערע הענטלעך, פונקט ווי טראפען נאך א זיעג, האבען געוועהט ווייסע און בלויע שמאטקעס.

— ווען איז די חתונה ? — האט געשריען ראזא.

— א' ס'ארא קליינינקע זי איז! איהרע הענטלעך געהען ארויין אין די ארבעל. איז עס נישט זאנדערבאר זשארזש ? — האט געזאגט זשעני צוטראגענדיג צום יונגען מאן א העמדעל פון א לאלקע, פון ראזע'ס לעצטע ליאלקע.

— און זי איז אזא פרעסרין... געראטען אין גאנצען אין פאטער און אין דער מוטער... וויינענדיגערהייט פאדערט זי איהר פלעשעל... איהר ווייסט דאך, זשארזש, דאס פראכטפולע פלעשעל...

די ביידע אינגערע שוועסטער האבען געפלוידערט און גארנישט באמערקט זשארזש'ס פארלעגענקייט.

אין ווינקעל פון צימער האט מארי-לואיז איבערגעגעבען זשעני'ן וועגען דעם וואס זי האט גערעדט מיט זשארזש'ען און דערביי ניט אראפגעלאזט די אויגען פון איהר געשיקטע שוועסטער, וועמעס טאקטיק זי האט אויסגעצייכענט פארשטאנען. און אין אמת'ן, איז דען ניט בעסער, אז זיי זאלען פארטומלען אט דעם יונגלינג, פארשטעלען איהם אין אן אנציהענדען ליכט זיינע צוקינפטיגע פליכטען? זי איז באמת געווען אומגערעכט, ווען זי איז זיך אזוי שטרענג באגאנגען מיט איהם.

— און מען דארף אפילו ניט, אז די מאמע זאל אלץ וויינען אין דער שטיל — האט באמערקט זשעני.

דערווייל האט ראזא גענומען רעדען העכער. עס האט זי אויפגערעגט זשארזש'ס שווייגען. זי האט איהם צוגעדריקט צו א ווינקעל, נעבען דעם פענסטער, דורך וועלכען ער וואלט גראד מיט גרויס פארגעניגען ארויסגעשפרונגען.

— סעלינא פארגעטערט אלץ אייערע שעהנע און זינדיגע אויגען... דאס איז זעהר אנגענעהם און גוט פאר אייך, אבער ווי שלעכט איז עס פאר איהר!... איהר זייט גארנישט ווערט די פראכטפולע ליאלקע, וואס איז לעצטע נאכט געקומען אויף דער וועלט, פונקט ווי אן אמת'ער מלאך... יא, זעהר געשעצטער הערר, מיר אלע ווערען ענטציקט פאר איהר, און איהר בעט אפילו ניט, אז מען זאל אייך ערלויבען זי א קוש צו טאן! איהר מעגט זיך שעהמען!... אט די ליאלקע דארט אין דער הויך, וואס באוועגט זיך, אטעמט, געהערט אויך אייך אביסעל... געהט ארויף ניט איהר אויך א שמייכעל...

— זשארזש, מיר וועלען זיך צוזאמענלייגען און אויסטרינקען שאמפאניער פאר'ן געזונט פון דיין טאכטער !

— זשארזש, מיר וועלען אייך ערלויבען צו קושען אונזערע הענד, אויב איהר וועט זיך ארויסווייזען פאר א גוטען טאטען...

— זשארזש, מיר וועלען דיך נעמען אויף אונזערע בעלער...

— זשארזש, דיין טעכטערל וועט זיין אונזער פרינצעסין !

— זשארזש, סעלינא וויל אייך זעהן... איך בעט אייך, קומט ארויף !

זשעני האט עס איהם געבעטען; איהרע שטענדיג רוהיגע אויגען זיינען געווען פול מיט טרערען.

— זשארש געהט ארויף ! די מאמע געפינט זיך אין זעלבען צימער... זי וועט אייך קיין זאך ניט פארווארפען, איהר הערט! דערצו, וואס קען מען אייך זאגען אזוינס, וואס איהר אליין ווייסט ניט? וואס, באשרייבען אייך די גאנצע שאנדע, די אלע דאגות, דעם ים פון ליידען און אונאנגענעמליכקייטען, וואס וועלען פאלען אויף אונזער קאפ מיט'ן געבארען ווערען פון דעם קינד? דאס אלץ איז אייך גוט באוואוסט... אבער איהר ווייסט אויך, אז מיט אן איינציגען ווארט קענט איהר דאס אלץ פארריכטען, צוריקברענגען די שמייכלען אויף די אלע פנים'ער, וואס ווילען האבען אין אייך א פריינד.. און דאס דאזיגע ווארט וועט איהר ארויסרעדען אויבען, צו קאפענס ביי דער נאך שוואכער סעלינא'ן, אבער וועלכע איז נאך, ווי פריהער פארליעבט אין איהר געליעבטען... איהר וועט עס זאגען דער מוטער, וואס געהערט איהר קינד... איהר וועט עס זאגען, זשארזש, אדער, איך פארזיכער אייך אין דעם, מיין פאטערס רעוואלווער, וועלכער איז נאך אלץ אנגעלאדען מיט זעקס קוילען, וועט זיין באשטימט פאר אייך... אויב איך וועל ניט טרעפען, וועלען איהם נעמען מיינע שוועסטער... איהר וועט קיין לעבעדיגער ניט ארויס פון אונזערע הענד, אויב איהר וועט זיך ענטזאגען צו ערפילען אייער פליכט... אייער גאנצע פליכט... אט וואס איך האב אייך געוואלט פארזיכערען, זשארזש, און אויך אין דעם, אז איך זאג אייך צו מיין עהרליכע שוועסטער-ליעבע, אויב איהר וועט האנדלען, ווי אן עהרענהאפטער מאן.

אויסציהענדיג זיך אין דער גאנצער גרויס, איז מארי-לואיז געשטאנען ביי דער טיר און איהם אנגעוויזען דעם וועג, לאזענדיג איהם געהן פאראויס.

מיט ענטציקונג האט ער א קוק געטאן אויף איהר, פונקט ווי ער וואלט זי געזעהן צום ערשטען מאל.

— מארי-לואיז, — האט ער געזאגט, — גיט מיר אייער האנד... איך וועל חתונה האבען מיט סעלינא'ן, אזוי גיך ווי זי וועט נאר קומען צו זיך... אבער נישט דערפאר וואס איך האב מורא... ווארים, ווי איהר אליין פארשטעהט, קען איך מיר גאנץ רוהיג מארגען אין דער פריה פון דאנען אוועקפאהרען און איהר וועט ניט קענען אויספיהרען אייער דראהונג... אבער איך וויל ניט זיין קיין געוויסענלאזער מענש... איך וויל ניט, אז איהר זאלט מיך פאראכטען, איהר!

עפעס א בענקשאפט האט דורכגעקלונגען אין זשארזש'עס שטימע און א טרויעריגער נעבעל האט זיך צוליינט אויף זיין פנים. ער האט זיך געקליבען ארויפצוגעהן אין דער הויך, אבער אין דער רגע האט זיך ראזא א ווארף געטאן צו איהם און מיט די הענד ארומגענומען זיין האלז.

— טייערער שוואגער מיינער, איך וויל דיך ארומנעמען, ווייל דו האסט אזוי שעהן גערעדט.

(פארטזעצונג קומט)

די פרויען וועלט

פון ראָזע בעדריק (בלינדער)

בראַוואָ, אַטלאַנטאַ!

איין־און־צוואַנציג טאָג אין חודש יאַנואַר פון יאָהר 1920 (פאַרצייכענט ביי זיך, ליעבע לעזער, דעם טאָג, דעם חודש און דאָס יאָהר. עס איז, כ׳לעבען, כדאי עס צו געדענקען׳ דערהויפּט — דאָס יאָהר. אַלזאָ, נאָכאַמאָל, דעם 21-טען טאָג אין חודש יאַנואַר פון יאָהר 1920, האָט אין דער שטאָדט אַטלאַנטאַ, פון׳ם שטאַאט דזשאָרדזשיא, אין די פאַראייניגטע שטאַאטען פון אַמעריקא, די פּריזאָן־קאָמיטע פון׳ם דאָרטיגען שטאָדט־ראַט (סיטי־קאָונסיל) באַשלאָסען צו ווערען גנעדיגער צו די אַטלאַנטער פרויען, וואָס ווילען פון היינט אָן און ווייטער זיך מיט עפּעס פאַרזינדיגען געגען דעם געזעץ, און זיי באַשטראָפען מיט וואָס זיי וועט קומען לויט זייער פאַרברעכען, אָבער שוין ניט מעהר מיט ע פ ע נ ט ל י כ ע ן ש מ י ס ע ן א ו י ף ד ע ר ש ט אָ ד ט י ש ע ר ס ט אַ ק אַ ד ע.

אַן אָפיציעלע פאַראָרדנונג פון דער אַטלאַנטער פּריזאָן־קאָמיטע, אונטער דעם אויבענדערמאָנטען דאַטום, איז מודיע דער וועלט, אַז אַטלאַנטאַ האָט יעצט ביי זיך אָפּגעשאַפט די שטראָף פון עפענטליכע שמיץ פאַר איהרע אַרעסטאַנטקעס.
בראַוואָ, אַטלאַנטאַ!

זאָגט אַליין, ליעבע לעזער, וואָלט ניט איצט די גאַנצע וועלט געדאַרפט ענטפער־רען אויף דער אַטלאַנטער מודעה מיט אַ הילכיגען אַפּלאָדז און אויסשרייען צו־זאַמען מיט אונז: „בראַוואָ, אַטלאַנ־טאַ!“ אָבער, נעה טוה עפּעס, אַז די וועלט איז היינט, מישטיינס געזאָגט, אַזאַ אונדאַנקבאַרע, אַז עס לוינט זיך גאָרניט זיך נעהמען די מיה עפּעס אויפ־צוטהאָן פאַר דער מענשהייט...

אָט זעהט, אדרבא, ווי אַזוי די אַמע־ריקאַנער פּרעס האָט זיך אָפּגערופען אויף אָט דער „נאָבעלער“, עכט־הומאַניטע־רער, האַנדלונג פון דער פּריזאָן־קאָמיטע פון׳ם אַטלאַנטער שטאָדט־ראַט.

די „ניו יאָרק איוונינג מעיל“ זאָגט אין אַן עדיטאָריעל פאַראַכטאָגען פּריי־טאָג:

„מיר ווילען ניט זאָגען, אַז מיר זע־נען צופריעדען וואָס דאָס שמייסען פון ווייבער איז דאָרט (אין אַטלאַנטאַ) איצט אָפּגעשאַפט געוואָרען. מיר ווע־לען גיכער זאָגען, אַז מיר זיינען טיעף ערשיטערט פון דעם שוידערליכען פאַקט, וואָס אין דעם גרויסען שטאַאט דזשאָרדזשיא, און אין זיין גרעסטען שטאָדט אַטלאַנטאַ, איז דאָס שמייסען פון פרויען, צוגעבונדענע צו אַ קלאָץ, וואָס איז ספּעציעל אויפגעשטעלט צו דעם צוועק, סאַנקציאָנירט געוואָרען פון׳ם געזעץ און פּראַקטיצירט געוואָ־רען פון דער אַדמיניסטראַציע ביז דעם 21-טען יאַנואַר 1920.“

אַזוי זאָגט די „איוונינג מעיל“. אַן אַנדער צייטונג זאָגט, אַז די האַנדלונג פון דער אַטלאַנטער פּריזאָן־קאָמיטע ווייזט ווי „בליטץ־שנעל די סאָוט פּראָגרעסירט“, און די צייטונג זאָגט נביאות, אַז אין די קומענדע פופציג יאָהר וועט אַטלאַנטאַ פּראָגרעסירען אַזוי ווייט, אַז מע וועט דאָרט אָפּשאַפען אפילו דאָס שמייסען פון מענער. אַ דריטע צייטונג באַמערקט, אַז אַטלאַנטאַ׳ס איצטיגער „נאָבעער“ טאַט איז אַזאַ דערקוויקענדיש פאַר די הערצער פון די אַמעריקאַנער פרויען אַזוי ווי אַ פּאַרציע צעשמאָלצענע בליי פאַר אַ דורש־טיגען. אַ פערטע צייטונג פאַרגלייכט דער אַטלאַנטער פּריזאָן־קאָמיטע׳ס „רעפאָרם“ מיט דעם קאָמפּלימענט פון יענעם פאַר־מער צו זיין באַקאַנטער שטאָדטישער דאַ־מע, וועלכער ער האָט פאַרזיכערט, אַז זי איז ביי איהם אַזוי טייער ווי זיין יונגסטע בעסטע שקאַפע.

אָט אין אַזאַ טאָן רעדען כמעט אַלע צייטונגען וועגען אַטלאַנטאַ׳ס „הומאַניטערען אַקט“ פון׳ם 21-טען יאַנואַר 1920! אָט אַזוי באַגריסט די ציוויליזירטע וועלט דעם „נאָבעלען“ באַשלוס פון אַטלאַנטאַ׳ס פּרי־זאָן־קאָמיטע, ניט צו שמייסען מעהר די אַטלאַנטער ווייבער.

אָרימע, „נאָבעלע“ אַטלאַנטאַ!

* * *

אַלע פרויען זענען יונג, שעהן און גליקליך — אויף יענער וועלט.

די בעסטע שדוכים, די גליקליכסטע פאַראייניגונגען, שטעהען פאַר די פרויען ווען זיי קומען אויף יענער וועלט. אויב אַ פרוי איז אויף ד ע ר וועלט אומ־גליקליך פאַרהייראַט, אויב אַ מיידעל איז אויף ד ע ר וועלט אומגליקליך אומ־פאַרהייראַט, זאָלען ביי זיך ניט זיין אַראָפּגעפאַלען: זייער לאַגע איז חלילה ניט קיין האָפנונגסלאָזע. דאָס איינציגע וואָס זיי דאַרפען טהאָן אום געזעגען צו ווערען, איז זיך אוועקלעגען און כאַפּען אויף גיך אַ שטאַרב, און זיך אריבערפּעק־לען אויף יענער וועלט... אבי נאָר זיי קומען אַהין, אין דער וועלט פון גלייטער־טע גייסטער און אייבינער גליקזעליגקייט, זענען זיי שוין געזיכערט מיט אַלדאָס גוטס...

פונוואַנעט — פרעגט איהר — ווייס איך עס? איך וועל אייך זאָגען דעם אמת: איך אַליין ווייס עס טאַקע ניט, נאָר לעידי מערי לאַדזש ווייסט עס, און זי ווייסט עס, זאָגט זי, אויף זיכער. זי האָט אַליין — דערצעהלט זי — גערעדט מיט די גייסטער פון אַ סך פון איהרע איי־גענע און באַקאַנטע געשטאָרבענע דאַמען, און זיי האָבען איהר דאָס איבערגעגעבען. און גייסטער פון געשטאָרבענע — מוזט איהר וויסען — זאָגען ניט קיין ליגען און דערצעהלען ניט קיין גוזמאות. אַלץ וואָס זיי זאָגען — אויב זיי זאָגען נאָר — איז דער ריינער אמת.

לעידי מערי לאַדזש איז די פרוי פון׳ם וועלט־באַריהמטען ענגלישען געלעהרנטען, פאָרשער און היסטעסטען פאַרטיידיגער פון׳ם ספּיריטואַליזם, סער אָליווער לאַדזש. דער דאָזיגער גרייז־גרויער געלעהרטער און ערנסטער פאָרשער האָט מיט זיין ליידענ־שאַפטליכען פאַרטיידיגען דעם ספּיריטואַ־ליזם אַרויסגערופען אַ שטורם אין דער ווי־סענשאַפט־וועלט. ער האָט זיך די לעצטע צעהן־צוועלף יאָהר אָפּגעגעבען אויסשליס־ליך מיט פאָרשונגען וועגען דער גייסטער־וועלט און וועגען דעם „לעבען נאָכ׳ן טויט“. ער האָט זיך אויך באַטייליגט אין מעהרע־רע ספּיריטואַליסטישע סעאַנסען, אין וועל־כע איהם איז — ווי ער באַהויפּטעט — געלונגען זיך צונויפצורעדען מיט גייס־טער פון באַקאַנטע פאַרשטאָרבענע פער־זענליכקייטען.

אין זיין שפּעטסטען בוך מיט דעם נאָ־מען „רעימאָנד, אָדער לעבען און טויט“, גיט סער לאַדזש איבער מעהרערע אינטי־מע „געשפּרעכען“, וואָס ער האָט געהאַט מיט דעם גייסט פון זיין טויטען זוהן רעי־מאָנד, דעם העלד פון׳ם בוך, וועלכער איז צוריק מיט אַ פּאָר יאָהר דער׳הרג׳עט גע־וואָרען אין דער גרויסער וועלט־מלחמה, קעמפּפענדיג אין פראַנקרייך אַלס אַ סאָל־דאַט אין דער ענגלישער אַרמעע. אין די „געשפּרעכען“ האָט דער דער׳הרג׳עטער רעימאָנד מיטגעטיילט זיין פאָטער אַלע דעטאַלען פון זיינע לעצטע מינוטען אין יענער פאַטאַלער שלאַכט, און ווי אַזוי ער איז גע׳הרג׳עט געוואָרען. די דאָזיגע דעטאַלען, וועלכע קיין בן־אָדם, אויסער דעם גע׳הרג׳עטען אַליין, האָט ניט גע־קענט וויסען, האָבען זיך שפּעטער, נאָך אַ פאָרזיכטיגער אונטערזוכונג, אַרויסגעווי־זען צו זיין פּונקטליך ריכטיג און גענוי אין אַלע פּרטים ווי זיי זיינען פאַרעפענט־ליכט געוואָרען פון׳ם פאָטער.

דער דאָזיגער בוך איז סער לאַדזש׳ס שטאַרקסטער אַרגומענט פאַר דער טעאָריע פון אַ מעגליכקייט פאַר אונז לעבעדיגע זיך צונויפצורעדען מיט די גייסטער פון טויטע.

סער אָליווער לאַדזש געפינט זיך איצט אויף אַ לעקטשור־טור אין די פאַראייניגטע שטאַאטען. מיט איהם איז אַהער געקו־מען אויך זיין פרוי, לעידי מערי לאַדזש, וועלכע איז ניט בלויז אַ טרייע אַנגענגע־רין פון׳ם ספּיריטואַליזם, נאָר גלויבט אויך באמונה שלימה, אַז „דאָס לעבען נאָכ׳ן טויט“, דאָרט אויף יענער וועלט, איז ערשט דאָס אמת׳ע, שעהנע און גליק־ליכע לעבען, אַקעגען וועלכען אונזער לע־בען דאָ אויף דער וועלט, איז ניט מעהר ווי אַ קאַריקאַטור.

און ניט נאָר גלויבט לעידי לאַדזש, אַז דאָרט, אויף יענער וועלט, זיינען אַלע פרויען אייביג יונג, אייביג שעהן און אייביג גליקליך, און אַז זיי קריגען דאָר־טען די פיינסטע זיווגים (אויב זיי האָבען ניט געהאַט זייער ריכטיגען זיווג אויף ד ע ר וועלט), נאָר זי איז אויך „איבער־צייגט“ אַז... אָבער לאָמיר בעסער איבער־געבען איהרע אייגענע ווערטער, וועלכע זי האָט געזאָגט צו אַ פאַרטרעטערין פון דער היגער „איוונינג וואָירלד“:

„פרויען האָבען ד אָ ר ט — האָט געזאָגט לעידי לאַדזש — די מעגליכקייט זיך אויסצודריקען אין מוזיק, אין קונסט, אין ליטעראַטור. שעהנקייט, וועלכעס באַ־טייט אַזוי פיעל פאַר דער פרוי, רינגעלט זיי דאָרט אַרום פון אַלע זייטען. זיי האָ־בען דאָרט אַרום זיך אומעטום גרויסע מאַ־סען פון די שעהנסטע בלומען. זיי האָבען דאָרטען, דערצעהלט מיר מיין רעימאָנד, פעסט־געבויטע הייזער, זעלטען שעהן רעקאָרדס, מיט וואונדערבאַרע מאַהלע־רייען אויף די ווענט. קליידער טראָגען דאָרט די פרויען יעדע נאָך איהר אייגע־נעם געשמאַק... עס ווערען דאָרטען אויך געשפּיעלט פאַרשיעדענע „געימס“, אויף דעם שטיינער פון אונזער „טעניס־געים“, „גאָלף“ און אַנדערע אַזעלכע שפּיעלען... דאָרט זיינען אויך ניט פאַרמער קיין ווייצען, אַנעקדאָטען און פרעהליכער געלעכטער...“

אָט אַזוי לויבט לעידי מערי לאַדזש אוועק אויף גאַנצע דריי קאָלום אין דער „איוונינג וואָירלד“ דאָס לעבען פון די פרויען אויף יענער וועלט.

איך ווייס ניט, ווי איהר, ליעבע לעזער, נאָר איך, — איך בין זיך פאַר אייך מודה ומתודה — אַז נאָך די אַלע טויזענט לויב־געזאַנגען פון לעידי לאַדזש פאַר דעם לע־בען אויף יענער וועלט, האָב איך דאָך קיין ברעקעלע חשק ניט זיך אריבערצופּעק־לען אַהין, פון וואַנען קיין איינער פון מיינע אייגענע און באַקאַנטע איז נאָך קיינמאָל ניט צוריקגעקומען.

די נעפיינינטע

(ערצעהלונג)

פון העלל קעניג

זי שטעהט איצט פאַר מיר. אָט זעה איך איהר רונדען, בלאַסליכען געזיכט מיט׳ן קורצען איידעלען נעזעל. זי קוקט אויף מיר מיט איהרע טיעף שוואַרצע אוי־גען און שווייגט, שווייגט גלייך ווי זי וואָלט מיך איצט צום ערשטען מאָל דער־זעהן, האָטש זי קען מיך שוין לאַנג, לאַנג; ניט דער ערשטער און ניט דער צווייטער אָוועט איז היינט, וואָס זי גנב׳עט זיך אַרויס פון איהר טאַטענס הויז דורך דער הינטער טיר און מיר לאָזען זיך צוזאַמען אין וועלדעל...

מיינע אויגען באַהאַלטען זיך אין איהר יונגען, שעהנעם קערפּער, און אַ זיסע מיעדקייט נעהמט מיך אַרום. איך בלייב זיצען אויפ׳ן בענקעל נעבען מיין פאָטער׳ס קליין, אָרים הייזעל און קען זיך פון אָרט ניט ריהרען. זי געהט צו נעהנטער צו מיר, הויבט אויף איהר קליין, ווייס הענטעל און ווייזט אָן אויפ׳ן הימעל. פאָלגען נאָך מיינע אויגען איהר ציינ־פינגער און איך זעה, אַז דער הימעל איז שטאַרק בלוי געוואָרען, האָט זיך כמעט אין שוואַרצען געמאָלען. די נאַכט איז די הערשערין איבער דער וועלט געוואָרען, און איהרע וועכטער: די שטערען הויבען זיך אָן איינציגווייז אַרויסצוקוקען פון פאַרשידענע זייטען...

שנעל שפּרינג איך אויף, פאַלינק ווי־קעלט זיך מיין האַנד אַרום איהר דינע טאַליע און מיר טראָגען זיך ראש אין וועלדעל אַריין.

אָט ליגען מיר אויפ׳ן גרינעם גראָז און קוקען איינס דאָס צווייטע אין די פּנים׳ער. אַרום איז שטיל, אַלץ שווייגט; צומאָל רייסט אַ לינד ווינטעל איבער די הייליגע אָוונד־רוהיגקייט, טוט אַ גלעט אונזערע פרישע געזיכטער און ווידער הערשט די שטומע נאַכט. ליגען מיר אין וואַלד באַוואַכט פון גרינע ביימער און אונזערע יונגע אויגען לייכטען אין דער נאַכט אַריין.

— דו ווייסט, הערשעל, — קלינגט פלוצלינג איהר קלאָהרע שטים, — דער טאַטע שדכנ׳ט מיר אַ חתן.

דאָס האַרץ מיינע הויבט אָן צאַפּלען, איך שלים איין דער מיידעל אין מיינע אָרעמס, דריק איהר שטאַרק צו זיך.

— נו, און וואָס זאָגסטו? — גלעט איך איהרע ווייכע צווי צעפּ, און דריק זי נאָך שטאַרקער צו זיך, האַלט זי פעסט, קיינער זאָל זי פון מיר ניט קענען אוועק־רייסען.

— איך האָב מורא צו רעדען, דער טאַטע איז אַזאַ בייזער און די מאַמע איז שוואַך, קוים וואָס זי האַלט זיך אויף די פיס.

איך האָב איהר אַהיים אָפּגעפיהרט, און אַ קוש, אַ הייסען, אַ ברענענדיגען אויסגעזויגען פון איהרע רויטע, זאַפטיגע ליפּען.

— — — — — — — — —

איך האָב איהר נאָכהער געזעהן נאָך אַ פּאָר מאָל, געקוקט אין איהרע טרויע־ריגע, בענקענדיגע אויגען, און פאַרלאָ־זענדיג דאָס שטעטעל, בין איך אוועק אין דאָס נייע לאַנד.

געהערט פון איהר האָב איך ניט מעהר, אָבער פאַרגעסען האָב איך זי ניט געקענט.

פלעגען קומען די זומערען מיט די זוניגע טעג און בלויע נעכט, פלעג איך אויף מיין בעטעל ליגען און טראַכטען וועגען איהר. ניט איינמאָל פלעג איך אַזוי איינשלאָפען און זעהן אין חלום, ווי זי טייעט זיך אַרויס פון איהר הויז, וואַרפט אַ זיימיגען בליק אויף מיר אין דער געגענאיבערדיגער זייט גאַס און לאָזט שעהמעוודיג אַראָפּ דעם קאָפּ. פלעג איך זיך שנעל אוועקדרעהען און אַ לאָז טאָן זיך צום גאָרטען הינטער׳ן הויז, וואו מיר פלעגען זיך פרעהליך כאַפּען פאַר די הענד, אונטערשפּרינגען און לוסטיג שווע־בען צו דער וואַסער־מיהל...

אַ צווייטען מאָל זעה איך איהר אין חלום, ווי זי שפּאַצירט צוזאַמען מיט אַ מאַן פיעל עלטער פון איהר; ער האַלט איהר אָרעם און קוקט מיט ליידענשאַפט־ליכע אויגען אויף איהר רייפען קערפּער. פּרובירט יעדע ווייל רעדען צו איהר; זי ענטפערט איהם אָבער ניט, קוקט אפילו ניט אין זיין זייט, נאָר שלעפּט זיך שוויי־גענדיג נאָך איהם.

אין חלומות האָב איך די נעכט פאַר־בראַכט. אויפשטעהן פלעג איך שפּעט, מיעד און צובראָכען און זיך לאָזען געהן איבער ער גרויסער, רוישיגער שטאָט מיט איהרע אונענדליך־לאַנגע גאַסען און פאַרשידענע פאַרנעמונגען. פלעג איך אין אַ פּאַרק קומען, זיך אַן ענטוישטער אוועק־זעצען אויף אַ באַנק, פלעגט גלייך איהר געזיכט אויפשיינען, מיט פאַר אויסגע־שטעלטע רויטע, פולע ליפּען; וויל איך איהר אַ קוש טאָן, דערזעהן אָבער מיינע פאַר׳חלום׳טע אויגען אַן אַנדער מיידעל, אַ געפאַרבטע און געפּודערטע מיט אַ גע־מאַכטען גלאַנץ אין די אויסגעלאָשענע אויגען, ביים איך די ליפּען ביז טרעהרען, ביטערע טרעהרען וואַשען זייער בלוט פון די איינגעביסענע ציינער.

איך זעץ זיך אויף אַנאַנדער באַנק און אַ געדאַנק וועקט זיך אין מיין מוח: פּי־לייכט ליעבט זי מיר דאָך, זי האָט נאָרניט חתונה געהאַט מיט יענעם אומבאַקאַנטען מענשען, און גוט ווערט מיר דאַן און זיס ווערט מיר דאַן. דעם הייליגען פייער, וועלכען זי האָט אין מיר דאָס ערשטע מאָל אַנגעצונדען און וועלכער האָט שוין פיעלע מאָל נעצאַנקט, זיך געלאָשען, הויבט אָן העלער ווערען, הויבט אָן שפּריי־טען שטראַהלען, פריהער קליינע, נאָהענ־טע, נאָכהער גרעסערע, ווייטערע; דאָס פאַרשמאַכט האַרץ הויבט אָן האַסטיגער צו פּולסירען, שטאַרקער קלאַפּען און טרייבט דאָס יונג בלוט אין בלייכען פּנים; ווי גוט מיר איז דאַמאָלס!...

זומערען זיינען פון היץ צוגאַנגען, ווינטערען זיינען פון קעלט איינגעשרומ־פען געוואָרען, און איך האָב אַלץ געבלאָנ־דזשעט, געזוכט, געמיינט אַז איך וועל עפּעס געפינען, עטוואָס עהנליך צו איהר, וואָס זאָל רענען דאָס האַרץ, זאָל אויפ־קאָכען דאָס פאַרגליווערט בלוט אין מיי־נע בלוט־אָדערען, זאָל מיר אויף די פיס צוריק אַ שמאַלצען, אַ יונגען אוועקשטע־לען...

יוגענד וואַרט צו אַ ווייל, לויף ניט; באַלד, באַלד און איך וועל אויך וואָס פון דיר געניסען. איך האָב דאָך נאָך אַזוי ווייניג געלעבט. יוגענד וואו לויפסטו?!

— — — — — — — — —

די יוגענד האָט גאָלדענע פעדים פון די יאָהרען געוועבט און די געוועבען האָ־בען זיך אין שטריק געשפּונען, שטאַרקע, שווערע, שטאַרקער און שווערער פון איי־זערנע קייטען. זיי צערייסען איז אומ־מעגליך און ווייניג כח זיי צו קענען טראָ־גען. האָב איך געזוכט וועמען, מיר צו העלפען די לאַסט טראָגען און פיליכט צו־זאַמען זיין בכח זיי צו צערשמעטערען.

האָב אָבער אַזאַ ניט געפונען. ניטאָ מעהר ווי איין מענש, וועלכער ווען ער וואָלט זיך מיט איהר פאַראייניגט, וואָלט ער אין אַ מלאך פאַרוואַנדעלט געוואָרען, אַ שעהנער, שטאַרקער יונגער מלאך. ער וואָלט מיך הויך אויפגעהויבען געקענט, אין די הויכע, ווייטע וועלטען געטראָגען און מיט זיינע ווייסע, אומשולדיגע פליגעל באַשיצט.

ווידער אַמאָל וואָלטען זיך די דיקע שווערע שטריק אין גאָלדענע יוגענד־פע־דים צעפּלאָכטען; געוועבט דעם אייביגען געוועב אין אונז און אַרום אונז, און וואָלטען די געוועבען ווידער אין שטריק פאַרוויקעלט געוואָרען, וואָלטען זיי גרינגער פאַר אונז געווען, ווייל זיי וואָלטען אונז שטאַרקער צוזאַמענגעבונדען, פעסטער איינגעשנורט.

דער מלאך וואָלט מיין ביטער לעבען פאַרזיסט.

דער מלאך, דער מלאך.

איז ער אָבער דאָרט אויפ׳ן צווייטען זייט ים וואו די מענשען ווערען באַהערשט פון׳ם אַלט־גייעם גאָט מאַרס און הערען זיך צו און פאָלגען אויס זיינע באַפעהלען.

(שלוס נעקסטע וואָך)

דריי מאָנאַטען אויפטו פון דער א. ל. ג. וו. י.

סעק. באַראָף'ס רעפּאָרט צום לעצטען פערטעל יעהרליכען מיטינג פון דזש. עקזעקוטיוו באָארד אין באָסטאָן.

2.

עס פרעהט מיר זעהר צו באַריכטען, דאָס די סיטואַציע אין דער קלאָוק אינדוסטריע פון קליוולאַנד האָט זיך פאָלשטענדיג אומגעביטען, אויף א גאַנץ ערפאָלגרייכען אופן; מיר האָבען דאָרט באַקומען א זעהר גוטען קאָלעקטיווען טרייד אַגרימענט, מיט גאַנץ צופריעדענשטעלענדע וויידזש-סקיילס, — דאָס איז א געווינס וואָס מיר האָבען געהאָפט צו ערריכען אין א משך פון פיעלע יאָהרען. דער שלום-אַקט איז פאָרגעקומען אין ניו יאָרק, אויף א מיטינג פון דעם „באָארד אָוו רעפערים", אויף וועלכען ביידע צדדים זיינען אַנוועזענד געווען, ווי דאָס איז שוין פריהער געווען באַריכטעט אין אונזער פרעסע.

איך פיהל אַז דאָ דאַרף געזאָגט ווערען, דאָס ווייס פרעזידענט מ. פערעלשטיין, האָט אויף דעם געביעט אויפגעטאָן פאַר אונזער אָרגאַניזאַציאָן אַן ארבייט, וואָס איז באמת שווער ריכטיג אָפּצושאַצען! עס איז קיין צווייפעל, אַז ער דאַרף דערפאַר באַקומען דעם פולען קרעדיט וואָס ער האָט פאַרדיענט.

די קליוולאַנד-סיטואַציע, ווי איהר ווייסט, איז פאַר די לעצטע נייען יאָהר צייט געווען דער אַנגעוועהטאָגסטער פּלאַץ אויף דעם ריזיגען קערפּער פון אונזער אינטערניישאָנאַל יוניאָן. איצט אָבער, איז קליוולאַנד ניט נאָר גוט אָרגאַניזירט, זאָנדערן איז איינע פון די שטאַרקסטע פעסטונגען פון אונזער אינטערניישאָנאַל. איז דאָס ניט העכסט באַגייסטערענד?

איך וויל זיך דאָ ניט אריינלאָזען אין די איינצעלהייטען, וועגען דעם גרויסאַרטיגען סעטעלמענט אין קליוולאַנד, ווייל איך רעכען, אַז ווייס פרעזידענט פערעלשטיין וועט דאָס געוויס אליין טאָן, אין זיין רעפּאָרט. איך וויל דאָ בלויז זאָגען, דאָס פרייטאָג, דעם 2טען יאַנואַר, איז גען. יאַנאָווסקי צוזאַמען מיט מיר געפאָהרען אין קליוולאַנד, וואו מיר האָבען אַדרעסירט א גרויסען מאַסמיטינג פון דער קליוולאַנדער קלאָוק מאַכער יוניאָן. דער מיטינג איז געווען זעהר א באַגייסטערטער, די ארבייטער האָבען מיט גרויס ענטוזיאַזם אַנגענומען דעם סעטעלמענט-אַגרימענט.

* * *

אונזער אָרגאַניזאַציאָנס ארבייט אין דעם דיסטריקט פון סקענעקטעדי און אַלבאַני, ניו יאָרק, געהט אַן אויף'ן זעלבען מאַסשטאַב ווי פריהער. מען קאָן ניט זאָגען, אַז מיר זאָלען דאָרט האָבען געמאַכט אַן ערפאָלג וואָס זאָל זיך אַנזעהן. צוליעב די זעלבינע אורזאַכען, און צוליעב די זעלבינע שוועריגקייטען וואָס רינגלען ארום די אָרגאַניזאַציאָנס-טעטיגקייטען אין די קליינע שטעדטלאַך. די הויפט שוועריגקייט איז, וואָס פאַר יענעם סאָרט מאַנופעקטשורער איז לייכט איבערצומופען זיין שאָפּ פון איין פּלאַץ אין א צווייטען, אַזוי גיך ווי מיר פאַנגען אַן אָרגאַניזירען יענע שעפּער.

* * *

קירצליך נאָך דעם ווי ברודער זיידמאַן האָט פאַרלאָזען קאָנעקטיקוט סטייט, האָבען מיר דאָרט אַנגעשטעלט א נייעם אָרגאַנייזער, בר. דזש. נאָרטלאַנד, וועלכער איז פריהער אין יענעם געגענד געווען אַן אָרגאַנייזער פון די רייל-ראָוד ארבייטער, א מענש מיט פעהיגקייטען און ענערגיע פאַר דער ארבייט. ער טוט דאָרט גוטע ארבייט און מיר האָבען אורזאַכען צו גלויבען, אַז ער וועט האָבען ערפאָלג אין דער ארבייט, און ער וועט דאָרט אונזערע לאָקאַל יוניאָנס מעהר באַפעסטיגען ווי זיי זיינען געווען ביז איצט.

* * *

אין דער צייט וואָס דער רעפּאָרט איז געשריבען געוואָרען האָבען מיר געהאַט א סך טראָבעל אין באָסטאָן. עס איז ענטשטאַנען א שטרייט צווישען דער קלאָוקמאַכער יוניאָן און די מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאַן, איבער דער פראַגע פון א גאַראַנטיע פאַר א געוויסע צאָהל וואָכען ארבייט און עס האָט געהאַלטען נישט ווייט דערפון, די יוניאָן זאָל רופען א גענעראַל-סטרייק. איך בין צוליעב דעם אייניגע מאָל געפאָהרען אין באָסטאָן, און געטאָן אַלעס אום אויסצומיידען א צוזאַמענשטויס.

צוליעב דער זעלביגער אַנגעלעגענהייט איז אויך ברודער האַלפּערין צוויי מאָל געפאָהרען אין באָסטאָן און ער האָט געטאָן דאָס בעסטע וואָס ער האָט געקאָנט צו העלפען קומען ביידע צדדים צו אַן אויסגלייך.

אונזער אריינמישען זיך האָט שלימליך געבראַכט דעם געווינשטען רעזולטאַט, עס איז געמאַכט געוואָרען א פריעדליכער סעטעלמענט, מיט וועלכען די ארבייטער מעגען געוויס זיין צופריעדען.

רעדענדיג וועגען באָסטאָן — אונזער ריינקאָוט מאַכער יוניאָן דאָרטען, לאָקאַל 7, האָט זיך מיט א שטיקעל צייט צוריק איינגעגעבען צו אָרגאַניזירען דעם קעמברידזש שאָפּ פון דער „יונייטעד סטייטס ראַבער קאָמפּאַניע" און דער לאָקאַל האָט אַזוי נאָך צוגעקראָגען א היבשע צאָהל נייע מיטגליעדער, מענער און פרויען. אַזוי ווי ניט אַלע דיזע ארבייטער זיינען אין דער פעקטאָרי באַשעפטיגט ביים מאַכען גאַרמענטס, האָבען מיר געפונען פאַר נויטיג צו אונטערזוכען גענויער די זאַך, און זעהן אויף וואָס'רא אופן דיזע ארבייטער זאָלען אָרגאַניזירט ווערען.

ווען ווייס-פרעזידענט האַלפּערין איז געווען אין באָסטאָן וועגען די קלאָוקמאַכער האָט ער שוין אויך אונטערזוכט דיזע אַנגעלעגענהייט, און ער וועט פאַר דעם באָארד פאַרברענגען א רעפּאָרט, ווי ער האָט די זאַך-לאַגע געפונען.

די וויסטמאַכער יוניאָן אין באָסטאָן, לאָקאַל 49, האָט אין די לעצטע עטליכע מאָנאַטען געהאַט א פּאָר פאַרצווייפעלטע שאָפּ-סטרייקס, וועלכע האָבען אָפּגעקאָסט א סך געלט. אין דער צייט ווען דער רעפּאָרט ווערט געשריבען האָט זיך אַנגעפאַנגען צווישען די וויסטמאַכער אין באָסטאָן א באַוועגונג אַרויסצושטעלען די מאַנופעקטשורער נייע פאָדערונגען און איך בין אויפגעפאָדערט געוואָרען פון דער יוניאָן צו קומען אַהין אַדרעסירען זייערען א מאַסמיטינג.

* * *

וועגען טאָלידאָ און סינסינעטי, וועט העכסט וואַרשיינליך ווייס-פרעזידענט ס. לעפּקאָוויטש אליין באַריכטען. ער איז געווען דאָרט און וועט מסתמא באַריכטען וואָס דאָרט איז אין דער לעצטער צייט אויפגעטאָן געוואָרען. איך וויל בלויז איבערגעבען אין קורצען, דאָס אין טאָלידאָ איז פאָרגעקומען א לאָקאַוט ביי דער פירמע קאָהען, פרידלאַנדער און מאַרטין, וועלכער איז ערפאָלגרייך געסעטעלט געוואָרען מיט דער הילף פון אונזערע ווייס פרעזידענטען לעפּקאָוויטש און פערעלשטיין. די קלאָוקמאַכער דאָרטען האָבען פאַרלאַנגט עס זאָל איינגעפיהרט ווערען וואָך-ארבייט, עס איז אָבער ניט געלונגען דאָס שוין צו באַקומען. לויט דעם סעטעלמענט באַקומען די ארבייטער העכערע שכירות און עס איז אויסדריקליך פאַרשטאַנען געוואָרען, אַז דער סיזאָן איז דער לעצטער וואָס מען ארבייט דאָרט פּיס-שטיק, און דאָס צום נעקסטען סיזאָן וועט וואָך-ארבייט פּאָזיטיוו עטאַבלירט ווערען.

מיט דער מיטווירקונג פון ברודער לעפּקאָוויטש איז אַן עהנליכער סעטעלמענט געמאַכט געוואָרען אויך אין סינסינעטי. די קלאָוקמאַכער פון יענע שטעדט זיינען צופריעדען מיט די סעטעלמענטס, ווייסענדיג אַז צום נעקסטען סיזאָן וועלען זיי, אַהנע ווייטערע שוועריגקייטען, באַקומען וואָך-אַרבייט.

* * *

אויף דעם זעלבען אופן איז געלונגען ווייס-פּרעזידענט קאָלדאָפסקי צו סעטלען דעם סכסוך אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע. וואַרשיינליך וועט אויך ברודער קאָלדאָפסקי געבען אין איינעם רעפּאָרט וועגען דער גאַנצער אַנגעלעגענהייט מעהר באַריכות.

אין אַלגעמיין מיינט עס, דאָס די פראַגע פון איינפיהרען וואָך-ארבייט אין דער קלאָוק-אינדוסטריע פון דער מידל-וועסט איז שוין אַזוי גוט ווי געסעטעלט פאַר'ן צווייטען סיזאָן.

* * *

די ווייסגודס וואָרקערס יוניאָן לאָקאַל 62 האָט זיך געזאָלט צוזאַמענקומען מיט די מאַנופעקטשורער פון דעם טרייד אין מאָנאַט דעצעמבער אויפצונעמען די פראַגע וועגען א העכערונג אין שכירות פאַר די ארבייטער פאַר'ן נעקסטען יאָהר. איז אָבער דער מענעדזשער פון דער יוניאָן, ברודער דייוויס פלוצלינג קראַנק געוואָרען און דער צוזאַמענקונפט איז ניט פאָרגעקומען.

דער לאָקאַל איז, אַלזאָ, געבליבען דערווייל אָהן א מענעדזשער און אונזער דזשענעראַל אָפּיס מוז נעמען אויפזיכט איבער איהם. ברודער לעפּקאָוויטש האָט צוליעב דעם געמוזט פאַרלאָזען סינסינעטי, וואו ער איז געווען פאַרנומען מיט אָרגאַניזאַציאָנס ארבייט צווישען די סקירטס און דרעסמאַכער און איבערנעמען די אויפזיכט אין אָפּיס פון לאָק. 62. ער האָט שוין אין דערזעלבער צייט אָנגעפאַנגען פיהרען פאַרהאַנדלונגען מיט דער „קאָטען גאַרמענט מאַנופעקטשורערס אַסס'ן, אין באַצוג א העכערונג פון די וויידזש-סקיילס פאַר די ארבייטער אין דער אינדוסטריע.

* * *

די הויז-דרעס און קימאָנאָ מייקערס יוניאָן, לאָקאַל 41, האָט איצט א נייעם מענעדזשער ברודער גאָלדשטיין. בעת דער רעפּאָרט ווערט געשריבען, האָט דער לאָקאַל אַרויסגעשיקט פאָדערונגען צו די בעלי בתים, פאַרלאַנגענדיג א „פלעט רעיז" פון 5 דאָלער א וואָך פאַר אַלע אַרבייטער אין טרייד. ווי עס שיינט, וועלען די מאַנופעקטשורער דאָס ניט אַזוי לייכט באַוויליגען און מען מעג ערוואַרטען א צוזאַמענשטויס. (און עס איז טאַקע ווירקליך אַזוי געווען. לעצטען מיטוואָך האָט לאָקאַל 41 גערופען א דזשענעראַל סטרייק אום דורכצופיהרען דעם פאַרלאַנג, וואָרים מיט גוטען האָבען דיזע מאַנופעקטשורערס גאָר ניט געוואָלט נאָכגעבען). דער לאָקאַל איז אָבער ענטשלאָסען אונטער אַלע אומשטענדען א העכערונג אין שכירות צו באַקומען.

* * *

די עמבראָידערי וואָרקערס יוניאָן, לאָקאַל 6, האָט ווידער אַנגעפאַנגען אַן אָרגאַניזאַציאָנס קאַמפּיין אין די שעפּער פון ניו דזשוירזי, מיט דער פינאַנציעלער הילף פון דעם דזשענעראַל אָפּיס. פאַר די לעצטע פּאָר וואָכען גיבען מיר דעם לאָקאַל 50 דאָלער א וואָך צושטייער פאַר דער ארבייט און דער באָארד דאַרף באַשליסען פאַר ווי לאַנג דיזער אַראַנזשמענטס זאָלען אָנהאַלטען. נאַטירליך, דער דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד דאַרף פריהער באַטראַכטען וואָס לאָקאַל 6 האָט אין דער הינזיכט אויפגעטאָן.

* * *

די ניו יאָרקער ריינקאָוט מאַכער יוניאָן לאָקאַל 20, וועלכע איז זייט די לעצטע עטליכע יאָהר געווען איינע פון אונזערע בעסט אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפטען, האָט לעצטענס באַקומען גאָר אַן אומערוואַרטעטען קלאַפּ פון די געריכט - הייזער פון ניו יאָרק סטייט. דאָס איז געקומען אין דער פאָרם פון אַן אינדזשאַנקשאַן, אַלס א רעזולטאַט פון א קליינעם שאָפּ-סטרייק אין סטעטען איילענד. פון דעם אינדזשאַנקשאַן איז גלייך אַרויסגעוואַקסען א „קאָנטעמפּט אָוו קאָורט" און דער רעזולטאַט איז געווען, דאָס בר. ס. פרידמאַן, דער סעק. פון'ם לאָקאַל, און ברודער מ. וועקסלער, דער מענעדזשער, צוזאַמען מיט נאָך 6 מיטגליעדער, זיינען פאַרשיקט געוואָרען אין פּריזאָן פאַר 30 טעג. בעת דער רעפּאָרט ווערט געשריבען דאַרף זיך ענדיגען זייער פּריזאָן-טערמין און דער לאָקאַל גרייט זיך זיי צו געבען א געהעריגען ברוך הבא ביי זייער אַרויסקומען.

עס פרעהט מיך צו באַריכטען דאָס די יוניאָן האָט פון דעם ווייניג זאַך געליטען. די מעמבערשיפּ האָט אַרויסגעוויזען די גרעסטע לאָיאַליטעט צו די אַרעסטירטע פיהרער דורך דעם קריטישען מאָמענט און די ארבייט פון דער יוניאָן איז דורך דעם גאַנץ ווייניג געשטערט געוואָרען. דורך דער צייט האָב איך באַזוכט זייערע מיטינגען, מעמבער מיטינגען און די מיטינגען פון דעם עקזעק. באָארד. איך בין אויך געשטאַנען אין נאָהענטער פאַרבינדונג מיט דעם אָפּיס פון דער יוניאָן, און איהם געהאָלפען מיט אַלעס וואָס איז נור געווען נויטיג.

* * *

אין איינקלאַנג מיט'ן באַשלוס פון אונזער לעצטען פערטעל יעהרליכען מיטינג איז פרעזידענט שלעזינגער באַאויפטראַגט געוואָרען צו פאָהרען אין יוראָפּ, צו העלפען אויפלעבען דעם אַלוועלטליכען אינטערנאַציאָנאַלען פאַרבאַנד פון די קליידער ארבייטער. און עס איז מערקווירדיג ווי מיר האָבען זיך אין דעם צוזאַמענגעטראָפען מיט די שניידער ארבייטער פון יוראָפּ. גלייך נאָך יענעם מיטינג איז אַנגעקומען א טעלעגראַמע צו אונזער אינטערנעשאַנאַל פון מ. וואַנדעריהג, דער פרעזידענט פון די האָלענדישע שניידער אָרגאַניזאַציאָנען, אין וועלכער אונזער אָרגאַניזאַציאָן ווערט געלאַדען צו זיין פאַרטרעטען אויף א ספּעציעלער קאָנפערענץ, וועלכע האָט זיך געעפענט דעם 11טען דעצעמבער 1919, אין אַמסטערדאַם. דיזער קאָנפערענץ איז טאַקע איינגערופען געוואָרען פאַר'ן זעלבען צוועק, — ווידער אויפצולעבען דעם אַלוועלטליכען פאַרבאַנד פון שניידער יוניאָנס פון אַלע נאַציאָנען.

ווי איהר זעהט, ניט ווייסענדיג איינער פון אַנדערן, האָבען מיר דאָ געטראַכט פון דער זעלבער זאַך וואָס זיי דאָרטען. די געדאַנקען און אידעען האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען. דאָס האָט אַלזאָ, געמיינט, אַז פרעזידענט שלעזינגער האָט גלייך געדאַרפט אָפּפאָהרען, אום צו קומען אין צייט צו דעם אינטערנאַציאָנאַלען קאָנפערענץ אין אַמסטערדאַם און ער איז אָפּגעפאָהרען מיט דער שיף „אַדריאַטיק", שבת אין דער פריה דעם 29טען נאָוועמבער, 1919.

דער פאָהר-געזונד וואָס ער האָט ביי דער געלעגענהייט באַקומען, איז געווען א זעהר האַרציגער. דאָס איז געווען אַן אויסדרוק פון א טיעפער, אמת'ער פריינדשאַפט פון די טעטיגע מיטגלידער פון אונזער אָרגאַניזאַציאָן אין ניו יאָרק, און אויך פון די נאָהענטע אַרומיגע שטעדט, — וואָרים אייניגע מיטגלידער זיינען ספּעציעל געקומען אין ניו יאָרק אום צו זאָגען איהם א פאָהר-געזונד. און דיזעלבינע פריינדשאַפט איז אויך דעמאָנסטרירט געוואָרען פרייטאָג אָבענד, א טאָג פאַר זיין אָפּפאָהרען, אויף דעם באַנקעט וואָס איז אַראַנזשירט געוואָרען לכבוד פרעזידענט שלעזינגער.

ווען דיזע שורות זיינען געשריבען געוואָרען איז פרעזידענט שלעזינגער געווען אין פּאַריז, ווי איהר האָט שוין אודאי באַמערקט, האָט ער צוגעשיקט אייניגע בריעף און קאָרעספּאָנדענצען, וועלכע ערשיינען פון צייט צו צייט אין אונזער פרעסע. ער שיקט זיין גרוס צום דזשענעראַל עקז. באָארד און צו אַלע אונזערע מיטגלידער. מיר האָבען אויך גרוסען, אַז ער איז טעטיג אין יעדען לאַנד וואו ער קומט, אין די אינטערעסען פון די שניידער ארבייטער. אין לאָנדאָן, למשל, האָט ער געבראַכט צו א סעטעלמענט א דזשענעראַל סטרייק פון די דאָרטיגע קלאָוקמאַכער און ער האָט דאָרט באַקומען פיעל פאַרעהרונג. לויט מיין בעסטען וויסען, וועט ער זיין צוריק מיט אונז די ערשטע אָדער די צווייטע וואָך אין קומענדען מאָנאַט — מערץ.

(שלום נעקסטע וואָך).

מינקייט פון דער מאַיאָריטעט פון דער יוניאָן ווערט ענדליך געשלאָסען אַן אַגרימענט מיט די מאַנופעקטשורערס, מוז דער אַגרימענט געהאַלטען ווערען אין בוכשטאַב, ווי אין גייסט, פון אַלע אַרבייטער „רעבעליאָן" אין אַזאַ פאַל איז איינפאַך פאַרראַט געגען די יוניאָן.

דאָס זאָל זיין אַלס א וואָרנונג צו מאַנכע, וואָס פיהלען זיך שולדיג. די יוניאָן און די פיהרער האָבען ביז איצט געדולדעט און געליטען. מאַנכע האָבען עס ניט אויסגעהאַלטען און אַוועק. אָבער די יוניאָן איז ענטשלאָסען אין דער צוקונפט צו האַנדלען מיט דער געהעריגער שטרענגקייט. און כדי עס זאָל ניט מוזען קומען דערצו, איז דאָ נאָר איין מיטעל, אַז די ארבייטער זאָלען קומען צו זייער באַזינונג.

א נויטיגע פעהלער-פאַרבעסערונג.

אין אונזער באַריכט וועגען די געהעכערטע קלאָוקמאַכער-וויידזשעס אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט" האָבען מיר צוגעזאָגט די בעלי מלאכות, אַז די וואָך — מיינענדיג לעצטע וואָך. — וועט דער פּעי-ענוועלאָפּ זיין א באַזונדערס פעטער, ווייל א חוץ די שכירות-העכערונג פון דער לעצטער וואָך וועלען זיי אויך קריגען די העכערונג פאַר די לעצטע דריי וואָכען, וואו די ארביטריישאַן-קאָמיטע האָט געהאַט איהרע באַראַטונגען. די ארבייטער אָבער האָבען די העכערונג ניט געקראָגען, און פיעלע האָבען זיך געפיהלט ענטוישט. די ערקלעהרונג פאַר דעם איז א פּשוט'ע: ווען מיר האָבען געשריבען, האָבען מיר נאָך ניט געוואוסט, אַז צווישען דער יוניאָן און דער אַסס'ן, כדי מאַנכע מאַנופעקטשורערס זאָלען, חלילה, ניט קריווען זייערע ארבייטער, איז אָפּגעמאַכט געוואָרען, אַז די גאַנצע בעק-פּעי פון אַלע מאַנופעקטשורערס, וואָס געהערען צו דער אַסס'ן, זאָל אויפגעמאַכט ווערען פון דער מאַנופעקטשורערס פּראָטעקטיוו אַסס'ן וועלכע איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר דאָס געלד. דאַן וועט די אַסס'ן אריינשיקען דעם טשעק צו דער יוניאָן, און די יוניאָן וועט צוטיילען די סומע צווישען אַלע בעלי מלאכות, וויפיעל עס קומט יעדען. אַלזאָ, די בעק-פּעי וועלען די בעלי מלאכות קריגען, און אומזיסט האָבען זיי זיך געפיהלט ענטוישט. מעהר ניט, אַנשטאָט לעצטע וואָך וועלען זיי עס קריגען מיט א וואָך אָדער צוויי שפּעטער.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
office, 31 Union Square, New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126
B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — E. LIEBERMAN, Business Mgr.
Subscription price paid in advance, $1.50 per year.
Vol. II. No. 6. — New York, Friday, Febr. 6, 1920
Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל

גאמפערס אפיעל צו רעטען אונזער דעמאקראטיע

אויף אן אנדער פלאץ אין דעם נו-
מער „גערעכטיגקייט" וועלען די לעזער
געפינען אן אפיעל פון סעמיועל גאמ-
פערס, פרעזידענט פון דער א. פ. אוו ל.,
צו אלע ארגאניזירטע ארבייטער, וועל-
כער איז דאס וויכטיגער, ווייל עס קומט
פון סעמיועל גאמפערס, דעם קיהלען,
איבערלעגטען קאפ, וועלכער וועט ניט
אויפהויבען א גוואלד-געשריי צוליעב
גארניט, ווי דאס איז דער שטייגער פון
„היץ-קעפ".

אין דעם אפיעל דיסקוטירט גאמפערס
דעם סטערלינג-גרעהעם סעדישאן ביל.
ער באצייכענט עס אלס „די גרעסטע קאנ-
ספיראציע געגען דעמאקראטיע און פאר
די עטאבלירונג פון אויטאקראטיע אין
אמעריקא".

עס איז געוויס א שטארקער און צייט-
ליכער אפיעל ווי צו די ארבייטער, אזוי
צו אלע פרייהייטס-ליעבענדע מענשען פון
די פאראייניגטע שטאאטען. עס וועהט
פון איהם אזא איבערצייגונגס-קראפט און
אזא פייערדיגער צארן געגען די קאנספי-
ראטארס, אז עס איז שווער זיך פארצו-
שטעלען אן ארבייטער אדער אירגענד א
דענקענדען מענשען, וואס זאל איבער-
לייענען דעם אפיעל, און עס זאל ניט מא-
כען א שטארקען איינדרוק אויף איהם.
זיכער וועט יעדער מענש מיט עטוואס
געוויסען מוזען זיך זאגען, אז איצט צו
בלייבען גלייכגילטיג, איצט א מאך צו
טאן מיט דער האנד און אפזאגען: „מיין
דאגה", איז פשוט א פארברעכען. איצט
מוז יעדער צולעגען א האנד, אום צו רע-
טען דאס ביסעלע פרייהייט, פאר וואס
אזוי פיעל דורות און דורות האבען זייע-
רע לעבענס מקריב געווען.

מיר קענען אבער אין דער זעלבער
צייט זיך ניט צוריקהאלטען פון באמער-
קען, אז די דאזיגע „קאנספיראציע"
וואלט קיינמאל ניט געקענט ווערען אזוי
געפעהרליך, ווען דער פרעזידענט פון דער
אמעריקען פעדערישאן אוו לייבאר וואלט
ביז איצט געווען א ביסעלע מעהר אויף
דער וואך, ווי ער איז עס ביז איצט גע-
ווען.

ווארים די אונטערגראבונג פון דער
דעמאקראטיע און די עטאבלירונג פון דער
אויטאקראטיע האט זיך ניט אנגעפאנגען
מיט דעם סטערלינג-גרעהעם סעדישאן-
ביל, נאר פיעל, פיעל פריהער. אבער,
אך, אונזער גאמפערס, ווי פיעלע אנדע-
רע, איז פארבלענדעט געווארען דורך דעם
געשריי: „די רויטע!" מעהר נאך, ער
אליין איז געווען איינער פון די הויפט-
שרייער, און אויף אזא אופן האט ער גע-
האלפען, כאטש אונבאוואוסט און ניט-
ווילענדיג, דער רעאקציע, וועלכע האט
אזוי ווילד געבושעוועט אין אונזער לאנד
פאר די לעצטע פאר יאהר. ער איז גע-
ווען אזוי בלינד צו אלע פארברעכענס,
וואס זיינען באגאנגען געווארען געגען
אונשולדיגע מענשען. קיין איינציג מאל
האט ער ניט אויפגעהויבען זיין שטימע
צו פראטעסטירען געגען די אלע שוידער-
ליכע נבלות, און אויף אזוי פיעל איז ער
געוויס, — כאטש, מיר ווידערהאלען, אונ-
באוואוסטערהייד, — א טיילנעהמער אין
דער גרעסטער קאנספיראציע.

געוויס האט ער זיך ניט פארגעשטעלט,
אז די דאזיגע רעאקציע וועט האבען די
חוצפה צו געהן אזוי ווייט. נו, — הא-
בען ער און פיעלע אנדערע מיט איהם
געוויס געטראכט, — וועט מען ארעסטי-
רען נאך א פאר הונדערט „רויטע", באל-
שעוויקעס, א. וו. וו., אנארכיסטען —
דאס בעסער. וועט מען פון זיי אלץ ני-
כער פטור ווערען, און דאס שטארקער
וועט קענען די ארבייטער-באוועגונג אנ-
נעהמען מיט איהר ארבייט. ער, דער קלו-
גער, וויטזיכטיגער [illegible] האט ניט
געזעהן, האט ניט געוואלט זעהן [illegible]
עס איז געווען אזוי [illegible] דער
רעאקציע מוז די גאנצע ארבייטער-
באוועגונג זיין איין שטי[illegible]

דאס זי וועט אלע איהרע שווארצע כחות
אנווענדען צו פארניכטען די ארבייטער-
באוועגונג.

דאס אלעס ווערט געזאגט ניט מיט
דער אבזיכט צו מאכען א פארוואורף גאמ-
פערס'ען. ער האט דאך פארט ניט גע-
זעהן די געפאהר, ביז זי האט אנגעקלאפט
אין טיר. טו וואס איז ער שולדיג? מיר
ווילען אבער האפען, אז דאס וועט זיין
פאר פיעלע, פיעלע א גוטע לעהרע פאר
דער צוקונפט, און זיי וועלען אימער גע-
דענקען דאס ריכטיגע ווארט, אז די פאר-
שוועכונג פון די רעכטע פון בלויז איי-
נעם, און מעג ער זיין דער מינדעסטער
צווישען אונז, איז דאס זעלבע, ווי ווען
אונזער אלעמענס פרייהייט וואלט פאר-
שוועכט געווארען.

יע, דער אפיעל פון גאמפערס איז
שטארק, איבערצייגענד און ווערט געטרא-
גען פון א גערעכטען צארן, וועלכער וועט
זיין ווירקונג ניט פארפעהלען, דאך לאזט
ער איבער פיעלע זאכען ניט דערזאגט.
און אויף אזוי פיעל וועט דער צורוף זיין
פאר פיעלע ניט צופרידענשטעלענד.
נעהמט, למשל, די סאמע לעצטע ווער-
טער פון דעם צורוף: „דאס זיינען ווירק-
ליך שווערע צייטען, און אויב דאס פאלק
וועט זיך מאכען ניט-וויסענדיג, דאן וועט
אונזער באליעבטע דעמאקראטיע זיין
פארלארען פאר אונז.

„שיקט אריין אייער פראטעסט אונ-
געזאמט!".

אונז דאכט זיך, אז געגען דער גרוי-
סער געפאהר, וואס סטראשעט אונז אלע,
איז דאס אריינשיקען פון א פראטעסט
צום קאנגרעסמאן א גאנץ קלאפע רפואה.
ווארים, וואס דאן, ווען די קאנגרעסלייט
און סענאטארס זאלען, חלילה, ארייג ווא-
רפען אלע פראטעסטען אין וויסט-באס-
קעט? ווארים, אויב עס איז אמת, אז
מיר האבען דא צו טאן מיט א קאנספי-
ראציע און א באנדע קאנספיראטארס, טו
וואס קענען דא העלפען פראטעסטען?

אונז שיינט, אז אין דער איצטיגער
שווערער צייט וואלט מען באדארפט
ארויסקומען מיט מעהר באשטימטקייט.
מיר זיינען זיכער, אז אנשטאט פראטעס-
טען וואלט די גאנצע ארבייטער באוועגונג
נע'פועל'ט פיעל ניכער, ווען זי וואלט
ארויסגעקומען מיט דער פעסטער ערקלעה-
רונג, אז מעגען די געזעצגעבער טאן זייער
ערגסטעס, די ארבייטער וועלען איינפאך
איגנארירען אזעלכע אונגעזעצליכע געזע-
צע. דאס וואלט אפשר געהאט די נוי-
טיגע ווירקונג. אבער אז פראטעסטען
זאלען האבען די נויטיגע ווירקונג אויף
די געזעצגעבער, וואס האבען זיך פאר-
שווארען צו פארניכטען די דעמאקראטי-
שע אמעריקא, דאס איז זעהר שווער זיך
פארצושטעלען.

פון דעסטוועגען זאל דאס ניט אויס-
געטייטשט ווערען, אז מיר ראטען אונ-
זערע לעזער דאס ניט צו טאן. ביז מען
וועט קענען טאן עפעס מעהר ווירקזאמעס,
איז געוויס דאס פראטעסטירען אליין
זעהר וויכטיג. אויב עס וועט ניט הא-
בען די נויטיגע ווירקונג אויף אלע, קען
עס אבער ווירקען אויף מאנכע, וואס דאס
אליין קען באדייטענד אפשוואכען די צו-
יושעטע רעאקציע. עס איז אויך גאנץ
מעגליך, אז די דאזיגע פראטעסטען זאלען
מוזען פיהרען די ארבייטער צו ווייטערע
שריט; פאר אן אנפאנג איז דאס גע-
וויס ניט שלעכט. עס איז א טריט אין
דער נויטיגער ריכטונג.

אונזער אינטערנעשאנאל אין סאציא-לען קאמף.

דער עקאנאמישער קאמף פון דער
אינטערנעשאנאל, וואס איז א טאג-טעג-
ליכע ערשיינונג, און וועמעס רעזולטאטען
פאר דאס לעצטע יאהר זיינען ווירקליך
וואונדערבאר-גרויסע, פארשלינגט בשום
אופן ניט איהר גאנצע ענערגיע. פון צייט
צו צייט האבען מיר אנגעוויזען כאטש
אין א זעהר באשרענקטער מאס, אויף
[illegible] טעטיגקייט. אויך איצט
קענען מיר זיך ניט פארבייטען שטארק
יוענגן דעם. עס זאל נאר אנגעוויזען ווע-
רען, אז ווער, ווער, אבער אונזער אינ-
טערנעשאנאל איז פאר איין מינוט ניט
געווען אין צווייפעל איבער דעם כאראק-
טער פון דער רעאקציע, ווען זי איז נאך
געווען גאר, גאר יונג, און זי האט גע-
טאן אלעס אין איהרע כחות אין קאמף
מיט איהר.

עס איז געווען אונזער אינטערנעשא-
נאל, וואס האט זיך געשטעלט די ערשטע
אין די קאמף-רייהען, ווען די אגענטען פון
דער לאסק-קאמיטע האבען געמאכט זייע-
רע אבלאוועס אויף דער רענד סקול. עס
איז געווען די אינטערנעשאנאל, וועלכע
האט געהאלפען מיט האט און טאט אין
דער אלגעמיינער אמנעסטיע-באוועגונג.
עס איז געווען אונזער אינטערנעשאנאל,
וועלכע האט אויף זיך גענומען די איני-
ציאטיווע פון דער קאנפערענץ אין אלבא-
ני, וואס איז געווען פון אזא דעמאנסטרא-
טיווען כאראקטער, געגען דער ארויסוואר-
פונג פון די פינף סאציאליסטישע אסעמ-
בלימען, נאר דערפאר ווייל זיי זיינען סא-
ציאליסטען און זיינען מיטגליעדער פון
דער סאציאליסטישער פארטיי.

דאס אלעס האט זי געטאן, ווייל זי
האט אנדערש ניט געקענט, ווייל זי האט
עס געפיהלט אלס איהר גרויסע פליכט
און גרויסע פריווילעגיע אין לעבען. אך,
ווען נאר אלע אנדערע ארבייטער-ארגא-
ניזאציעס וואלטען געווען דורכגעדרונגען
פון דעם זעלבען גייסט! די געפאהר צו
פארלירען אונזער באליעבטע דעמאקרא-
טיע וואלט דאן געווען א גאנץ קלאפע,
אפילו ווען די קאנספיראטארס וואלטען
געווען פיעל מאל אזוי שטארק, ווי זיי
זיינען. די צרה אבער איז, דאס ניט
אלע ארבייטער - ארגאניזאציעס זיינען
שוין דערוואקסען צום גייסט פון אונזער
מעכטיגער אינטערנעשאנאל. און פאר די
ארגאניזאציעס איז, אפשר, דער אפיעל
פון גאמפערסען אם ווירקזאמסטען.

א פאר ווערטער צו דער נייער שיפינג-קלוירק יוניאן

לויט דעם באריכט פון דעם דזשענע-
ראל עקזעקוטיוו באארד אויף זיין לעצ-
טען פערטעל-יעהרליכען מיטינג אין באס-
טאן, וועט איהר די טעג קריגען, אדער
האט שוין געקראגען, אייער טשארטער,
וועלכער מאכט אייך פאר א טייל פון דער
גרויסער אינטערנעשאנאל, פאר א טייל
פון די איבער הונדערט טויזענד ארביי-
טער און ארבייטערינען, וועלכע זיינען
איצט אייערע ברידער און שוועסטער אין
דעם העכסטען און בעסטען זין פון ווארט.
באגריסט אייך בייצושטעהן אין אלע אייע-
רע גערעכטע פאדערונגען, וואס איהר
האט און וועט האבען.

מיר זיינען זיכער, אז איהר זיינט זיך
פאלקאם באוואוסט איבער דער גאנצער
וויכטיגקייט פון אייער אנשליסען זיך אן
דער מעכטיגער ארגאניזאציאן. ווען ניט,
וואלט איהר דאך פאר אזא לאנגער צייט
ניט אזוי דרינגליך געפאדערט עס. מיר
ווילען האפען, ניין, מיר זיינען איבער-
צייגט, אז ניט איהר און ניט די אינטער-
נעשאנאל וועלען ווען-עס-איז חרטה קריי-
גען אויף דעם נייעם שריט. אלס ארביי-
טער אין די קלאוק-פעקטארים זיינט איהר
איצט איינס מיט די צעהנדליגע טויזענ-
דע קלאוק ארבייטער. אייערע אינטע-
רעסען זיינען איצט זייערע, און זייערע
מוזען זיין אייערע. איהר וועט איצט
ערשט לערנען, וואס סאלידאריטעט בא-
טייט, און איהר וועט געוויס האבען אין
זינען, דאס צוזאמען מיט אייער נייעם
סטאטוס אין שאפ זיינען פארבונדען
גרויסע פליכטען. איהר וועט אויפפאסען,
אז עס זאלען צוליעב אייך ניט ארויסגע-
רופען ווערען אין שאפ קיין אומזיס-
טע טראבעלס. פאר דער ערשטער
צייט, איידער איהר וועט אליין האבען א
שטארקע יוניאן, וועט זיין העכסט נעטיג
פון אייער זייט ניט צו לאזען פיהלען די
מאנופעקטשורערס, אז איצט איז עס ניט,
וואס אמאל איז געווען. איהר וועט האנד-
לען געמעסיגט און בעזאנגען, ווי מענשען,
וועלכע זיינען זיך באוואוסט איבער זייער
וואקסענדער מאכט און פארשטעהען ווען
זיך צו באנוצען מיט דעם גינסטיגען מא-
מענט.

נאך א פאר ווערטער איבער די יוניאן פיהרער און די רענק ענד פייל.

מיר האבען מיט א פאר נומערען צו-
ריק אויפגעהויבען די גרויסע און וויכ-
טיגע פראבלעמע פון מאנגעל אין גוטע
און געטרייע ארבייטער-פיהרער אין אונ-
זער ארגאניזאציע. מאנכע אלטע פעהי-
גע יוניאן-פיהרער, צוליעב אזא אדער אנ-
דערע אורזאכען, האבען מיר געזאגט,
פארלאזען אונזערע רייהען, און אמת-פע-
היגע מענשען, וועלכע זאלען פארנעהמען
זייערע פלעצער, זיינען נישטא. מיר הא-
בען אנגעוויזען אויף איינינע אורזאכען,
ווארום אונזערע פיהרער פארלאזען אונז;
מיר האבען באטאנט די איצטיגע עקאנא-
מישע פארהעלטניסע, און מיר האבען
בלויז דורך א וואונק נעגעבען אנצוהערע-
ניש אויף א געוויסער מאראלישער אור-
זאכע, וואס צווינגט מאנכע צו פארלאזען
די יוניאן. אבער מיר זיינען בשום אופן
ניט זיכער, אויב די דאזיגע אורזאכע,
וואס די אלטע פארלאזען אונז, איז ניט
אזוי וויכטיג, אויב ניט וויכטיגער, ווי די
עקאנאמישע אורזאכע. און מיר האלטען
דארום פאר נויטיג אנצואווייזען אויף
איהר אין גאנץ קלארע דבורים.

אין די מייסטע פעלע פארלאזען די
פיהרער זייערע יוניאנס ניט צוליעב דעם,
ווייל די יוניאן באצאהלט זיי ניט גענוג,
ניט ווייל ביי אן אנדער באשעפטיגונג
קענען זיי מעהר געלד פארדיענען, נאר
הויפטזעכליך, ווייל די ארבייטער אליין
מאכען אלץ שווערער און שווערער פאר
זייערע פיהרער צו בלייבען מיט זיי.

וואס די פיהרער זאלען ניט טאן, ווי-
פיעל כחות זיי זאלען ניט אוועקלעגען
אום אויסצופיהרען פאר די ארבייטער די
בעסטע באדינגונגען אונטער די אומ-
שטענדען, געפינען זיך אין יעדער יוניאן
א נענינענדע צאהל מענשען, וועלכע, אויב
זיי געהען ניט אזוי ווייט ווי צו באשול-
דיגען זייערע פיהרער אין פשוט'ען פאר-
ראט, געהען זיי אבער אזוי ווייט ווי צו
ערקלעהרען, אז די פיהרער האבען זיך גע-
לאזט אפנארען; אז, ווען מען לאזט זיי,
וואלטען זיי ווער-ווייס-וואס געקראגען פון
די באסעס.

און עס פאסירט דארום אפט, אז די
פיהרער, ארבייטענדיג איבער די כחות,
אהן א מינוט רוה, אויף פארשיידענע קאנ-
פערענצען מיט די מאנופעקטשורערס, און
קריגענדיג אלעס, וואס איז נאר מעגליך
געווען, און ערווארטענדיג, אז די ארביי-
טער זאלען זיי וועניגסטענס דאנקען, גע-
פינען זיך פלוצלונג פנים אל פנים מיט
פארשידענע „קריטיקער", כאטש עס איז
נישטא קיין טראפען זין אין זייערע רייד.

דאס אליין וואלט נאך, אפשר, געווען
צו דערלײדען. אונזערע פיהרער האבען
זיך אויסגעלערנט אין די פיעלע יאהרען
פון זייער טעטיגקייט איבערצוטראגען
מיט געדולד אזא סארט „קריטיק", אבער
עס פאסירט אויך אמאל, אז נאכדעם, ווי
א גאנצע פארטרויטע קאמיטע נאך פיע-
לע מיטינגען מיט די בעלי בתים פון איין
זייט, און מיט די בעלי מלאכות פון דער
אנדערער זייט, זיינען ענדליך געקומען צו
א סעטעלמענט און געשלאסען אן אגרי-
מענט, קומען עטליכע מענשען און ער-
קלעהרען, אז זיי וועלען דעם אגרימענט
ניט פאלגען; אז זיי וועלען אינדיווי-
דועל אויספיהרען דאס זייעריגע, דורך די
פאראורזאכונג פון אלערליי טראבעל אין
די שעפער, און דורך אנדערע טריקס.

פארשטעהט זיך, אז די יוניאן קען אין
אזא פאל אנגעהמען גאנץ הערואישע
מיטלען; זי קען אזעלכע רעבעלען פשוט
נעהמען און אויסשליסען. זי קען אויס-
שליסען א גאנצען לאקאל, אויב ער איז
אזוי רעבעליש. די יוניאן פיהלט זיך בא-
רעכטיגט עס צו טאן צוליעב די ארביי-
טער גופא, און צוליעב איהר אייגענער
עקזיסטענץ. א געוויסע מאנופעקטשו-
רערס אסס'ן, וואס שליסט אן אגרימענט
מיט דער יוניאן, טוט עס דאך נאר אין
דעם גלויבען, אז די יוניאן קען האלטען
איהר זייט פון אגרימענט. ווי באלד
אבער דאס איז ניט אזוי, טו ווארום זאל
זי איבערהויפט מיט איהר האנדלען? די
יוניאן מוז עס אלזא אמאל טאן, אבער
עס פארשטעהט זיך, אז דאס איז ניט
זעהר קיין געשמאקע זאך צו טאן, און
דער פיהרער, געשטעלט אין אזא לאגע,
האלט אפט פאר בעסער אין גאנצען צו
פארלאזען די יוניאן.

דאס, וואס מיר האבען דא געשילדערט,
האבען מיר ניט אויסגעטראכט פון קאפ.
מיר וואלטען געקענט, ווען מיר וואלטען
געוואלט, אנרופען ביים נאמען איינינע
אזעלכע „רעבעלען" און „רעבעלישע" לא-
קאלס, אבער צו וואס? די שולדיגע ווע-
לען זיך געוויס דערקענען, און מיר זאגען
צו זיי, אין דער טיעפסטער פריינדשאפט,
אז דאס קען ווייטער אזוי ניט געהן; אז
זיי מוזען מאכען אן אנשטרענגונג און ווי-
עס-איז אויסטשוכען זיך פון זייער צו-
שטאנד פון דעלירויום. זיי מוזען אנהויי-
בען פארשטעהן, אז זייערע פיהרער פון
יאהרען און יאהרען האבען זיך עס פאר-
דיענט ביי זיי, אז זיי זאלען זיי אזויפיעל
רעספעקטירען אין אזוי פיעל טרויען, אז
ווען זיי זאלען אוועק אין א געוויסען פאל
זייערע כחות אויף צו קריגען די בעסטע
באדינגונגען און ווען מיט דער איינשטי-

דער פּלאַן פון איין צענטראַלע טרייד יוניאָן קערפּערשאַפט אין ניו יאָרק

פון ה. לאַנג.

עס איז שוין כמעט ווי א באשלאָסענע זאַך, אַז די עקזיסטירענדע צענטראַלע קערפּערשאַפטען פון די יוניאָנס, וועלכע געפינען זיך אין גרייטער ניו יאָרק, זאָלען זיך פאראייניגען און בילדען איין גרויסע „סענטראַל באַדי“. אין אנדערע ווערטער הייסט עס, אַז אנשטאַט, ווי מיר האָבען איצט, א סענטראַל פעדערייטעד יוניאָן אין ניו יאָרק, א סענטראַל לייבאַר יוניאָן אין ברוקלין, און צוויי עהנליכע אָבער טויטע קערפּערשאַפטען אין בראָנקס און אין ריטשמאָנד, וועלען מיר האָבען איין צענטראַלע קערפּערשאַפט, וועלכע האָט אלע אויססיכטען צו זיין אַקציאָנס-פעהיג און אויסאיבען א באַשטימטע ווירקונג אין דעם פּראָלעטאַריש געזעלשאַפטליכען לעבען פון אונזער ריזיגער שטאָדט.

דער רעזולטאַט פון אַלע קאָנפערענצען וואָס זיינען וועגען דעם געהאַלטען געוואָרען איז, אַז די סענטראַל פעדערייטעד יוניאָן אין די ברוקלינער סענטראַל לייבאַר יוניאָן וועלען וועגען דעם נעהמען אַן אפּשטימונג ביי זייערע אַנגעשלאָסענע יוניאָנס און אין צוויי חדשים אַרום וועט מען זיך ווידער צונויפטרעפען מיט דעם עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, וואָס האָט אינדזשינירט דעם פּלאַן אויסצואַרבייטען א פּראָגראַם פון ארבייט פאַר דער פאַראייניגטער „סענטראַל באַדי“ און אָנעהמען א רייהע געזעצטע און רעגולאַציאָנען אונטער וועלכע די סענטראַל באַדי וועט ארבייטען.

איידער מען איז געקומען צו אָט דעם באַשלוס, האָט זיך היבשלעך געטומלט אין אונזערע טרייד יוניאָן קרייזען. די אַלגעמיינע ציימונגען האָבען וועגען דעם געהאַט טאָג-טעגליכע באַריכטען און עס האָט אויסגעזעהען, ווי דאָס וואָלט געווען די איינציגע זאַך, מיט וואָס די ארבייטער באַוועגונג פון לאַנד איז איצט פאַראינטערעסירט. וועגען וואָס האָט מען דאָס אַזוי געטומלט? וואָס האָט געמאַכט די רעפּאָרטערס פון די אַלגעמיינע גרויסע ציימונגען צו ליגען גאַנצע טעג ביי די טירען פון די קאָנפערענץ ציממערן וואו מען האָט וועגען דעם געהאַנדעלט?

די גאַנצע אָנגעלעגענהייט וואָלט מאַקע אפשר ניט ארויסגערופען אַזאַ סענזאַציע ווען ניט א פּאָר זייטיגע זאַכען וועלכע זיינען מיט דעם פאַרבונדען געוואָרען, און עס איז ווערט וועגען זיי זיך אָפּצושטעלען.

די סענטראַל פעדערייטעד יוניאָן איז לעצטענס געשטעלט געוואָרען אונטער קלאַגען ביי דער א. פ. אָף ל. פאַר דער שטיצע וואָס זי האָט געגעבען דעם פּרינטער סטרייק, וועהרענד די אינטערנעשאַנאַל בעאַמטע פון די פּרינטינג טריידס האָבען די סטרייקס באַקעמפּט. עס איז דערפאַר געווען א גרונד צו דענקען, אַז די אורזאַכע וואָס מען איז פּלוצלונג געקומען מיט א פּלאַן פון פאַראייניגען אַלע „סענטראַל באַדיס“, איז זיך אָפּצורעכענען מיט דער סי עף יו און אָפּווישען איהר פון עקזיסטענץ. די סי עף יו איז לעצטענס ווייט לינקס. זי האָט זיך אָנגעפאַנגען צו באַטייליגען אין אַלע ארויסטרעטונגען פון ראַדיקאַלען און מען האָט דערפאַר געשמועסט אַז דער פּלאַן פון פאַראייניגען אַלע „סענטראַל באַדיס“ איז א „מאָוו“ פונאַנדערצונעהמען דעם נייעם נעסט פון ראַדיקאַליזם אין ניו יאָרק.

עס איז דערפאַר פאַרשטענדליך אַז ווען עס זיינען אין ניו יאָרק אָנגעקומען אַזעלכע חשוב'ע געסט ווי סעמיועל גאָמפּערס, פראַנק פ. מאָריסאָן און אַנדערע וואָרט-פיהרער פון דער א. פ. אָף ל. זאָל זיך עס אַביסעל נעהמען טומלען אין די טרייד יוניאָן קרייזען און די ציימונגען זאָלען פון דעם פונאַנדערבלאָזען א גאַנצע סענזאַציע.

עס איז דערפאַר נויטיג צו געדענקען, אַז ביי די קאָנפערענצען וואָס זיינען וועגען דעם פאָרגעקומען, איז קלאָר ארויסגעבראַכט געוואָרען סאַי פון גאָמפּערס'ן און סאַי פון אַנדערע עקזעקוטיוו קאָנסיל מיטגלידער, אַז די אַלע רעדעדרייען האָבען קיין האָפט ניט; אַז דער פּלאַן פון איין „סענטראַל באַדי“ האָט גאָר ניט וואָס צו טאָן מיט'ן פּרינטער סטרייק און פּונקט אַזוי ווייניג אויך מיט ראַדיקאַליזם. און אַז הויפּטזעכליך האַנדעלט זיך וועגען בעסער צוזאַמענהאַלטען די ארבייטער באַוועגונג אין ניו יאָרק, געבען איהר א מעהר אָרגאַניזירטען כאַראַקטער, כדי זי זאָל האָבען מעהר איינפלוס און א גרעסערע אויטאָריטעט.

ווי די לאַגע איז איצט האָבען די סענטראַל באַדיס ווייניג וואָס איינפלוס. אין גרייטער ניו יאָרק זיינען דאָ אַרום טויזענד לאָקאַל יוניאָנס און אין ביידע לעבעדיגע צענטראַלע קערפּערשאַפטען, אין דער סי עף יו און אין ברוקלין סענטראַל לייבאַר יוניאָן באַלאַנגען קוים צוויי הונדערט. די בילדינג טריידס און די לאָנגשאָרמען יוניאָנס זיינען כמעט ווי גאָר ניט רעפּרעזענטירט אין דיזע קערפּערשאַפטען און דאָס זעלבע פון די וויכטיגסטע ארבייטער אָרגאַניזאַציאָנען אין ניו יאָרק.

אויסער דעם ענטשטעהען מאַקי אָפט פּלאָנטערנישען צוליעב דעם, וואָס יעדע באָראָ האָט זיך איהר סענטראַל באַדי. און ווייל עס הערשט א צוטיילונג פון כוחות פאַרזעהט מען אָפט אונפאַראַנטוואָרטליכקייטען און דער רעזולטאַט איז, אַז וועהרענד ניו יאָרקער טריידס זיינען אָרגאַניזירט פעהלט אָבער אַן אמת'ער געזעלשאַפטליכער לעבען און אַן עפענטליכע מיינונג צווישען די אָרגאַניזירטע טריידס. אָפט פּאַסירט, אַז אימיצער א פּעהיגער פּאָליטישען טרעט כלומרשט ארויס אין דעם נאָמען פון די אָרגאַניזירטע ארבייטער באַוועגונג פון ניו יאָרק זאָל אין דער פּאַסענדער צייט זאָגען דאָס פּאַסענדע וואָרט און עס איז ניטאָ די קערפּערשאַפט מיט אויטאָריטעט גענוג דאָס צו נעמען אויף זיך. און אַזוי קען אָנגעוויזען ווערען פיעלע, פיעלע אורזאַכען פאַרוואָס עס איז נויטיג איין צענטראַלע קערפּערשאַפט. די שיקאַגאָער פעדערײשאָן אָף לייבאָר, די סיאַטעלער יוניאָן, צום ביישפּיעל, זיינען גוט באַקאַנט אין דער אַמעריקאַנער ארבייטער באַוועגונג און צי די אַלגעמיינע באַוועגונג איז איינפאַרשטאַנען מיט זייערע ארויסטרעטונגען, צי ניט, — מ'רעכענט זיך מיט זיי. די איצטיגע צענטראַלע קערפּערשאַפטען פון ניו יאָרק באַטראַכט מען מיט א שמייכעל, א ביטול שמייכעל.

דערפאַר האָבען מאַקי זייערע אייגענע פאַרשטעהער גלייך מסכים געווען צו דעם פּלאַן פון איין סענטראַל באַדי אַזוי שנעל ווי עס איז קלאָר געוואָרען, אַז עס איז ביי דעם ניטאָ קיין שום הינטער-געדאַנק און קיין זייטיגער מאָטיוו.

אינטערעסאַנט איז אָבער אויך, וואָס מיט דעם פּלאַן פון איין סענטראַל באַדי אין ניו יאָרק איז ווידער ארויסגעשוואומען די פראַגע פון דער עקזיסטענץ באַרעכטיגונג פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען. די ראַדיקאַלע ארבייטער פיהרער און פריינד פון די געווערקשאַפטען האָבען געוואָלט, אַז אויך די אידישע צענטראַלע טרייד יוניאָן קערפּערשאַפט זאָל זיך אויפלייזען. זיי ווילען האָבען די אידישע יוניאָנס אין דער געפּלאַנטער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציאָן. אָבער דיזען מאָל איז געלונגען צו געבען צו פאַרשטעהן די אַמעריקאַנער ארבייטער פיהרער, אַז די געווערקשאַפטען האָט א באַזונדערע מיסיאָן, וואָס קיין צענטראַלע קערפּערשאַפט ווי פעהיג און ארבייטס-לוסטיג זי זאָל ניט זיין, קען ניט ערפילען. און געגעבען זיי דאָס צו פאַרשטעהן האָט ניט קיין אַנדערער ווי סעמיועל גאָמפּערס אַליין. די רעדע וואָס ער האָט ביי דער געלעגענהייט געהאַלטען וועגען די געווערקשאַפטען איז א וואונדערבאַרע. ער האָט מאַקע ארויסגעבראַכט דעם געדאַנק, אַז די געווערקשאַפטען האָט א באַזונדערע מיסיאָן און אַז די ניי-געפּלאַנטע סענטראַל באַדי דאַרף לעבען מיט איהר בשלום און אָנערקענען, אַז זי דאַרף און מוז בלייבען עקזיסטירען אונטער אַלע אומשטענדען.

אין טרייד יוניאָן קרייזען לייגט מען גרויסע האָפנונגען, אַז מיט דעם באַשאַפען איין סענטראַל באַדי אין ניו יאָרק וועט זיך אָנפאַנגען א נייער קאַפּיטעל און אַן אמת אינטערעסאַנטער קאַפּיטעל אין דער געשיכטע פון דער ארבייטער באַוועגונג אין אַמעריקא.

קורצע שמועסן

צווישען דעם רעדאַקטאָר און די לעזער.

י. בליימאַן. — מיר גלויבען ניט, אַז אייער פאָרשלאַג זאָל קענען ווען אָנגענומען ווערען און ארבייטען. עס קען מאַקי פּאַסירען, אַז ווען אַן ארבייטער קומט אין שאַפּ ארבייטען, קען ער די ערשטע צייט ניט פּראָדוצירען אַזוי פיעל, ווייל, ערשטענס, קען ער ניט די סטיילס, צווייטענס, איז ער ניט צוגעוואוינט צום פּלאַץ, צו דער מאַשין, און דריטענס, עס איז נאַטירליך, אַז אויף א נייעם פּלאַץ זאָל די ארבייט פון אָנפאַנג ניט געהן אַזוי גוט. אָבער עס קענען דאָך אויך זיין פאַלע, אַז אַן ארבייטער זאָל פון נאַטור אַזוי זיין לאַנגזאַמער, און דער באָס קען ניט וויסען די ריכטיגע סבה פון דעם, וואָס עס ווערט ניט גענוג ארבייט געמאַכט, סו ווי קען מען פון איהם פאַרלאַנגען, אַז ער זאָל שוין די ערשטע וואָך באַווילליגען דעם פּרייז וואָס דער ארבייטער פאָדערט? דאָס ריכטיגע, לויט אונזער מיינונג, איז, אַז די ערשטע פּאָר וואָכען זאָל אַזאַ ארבייטער, וועמעס פּראָדוקציאָנס-פעהיגקייטען זיינען נאָך אומבאַקאַנט, זיין וויליג צו ארבייטען פאַר'ן מיניומום. און, ערשט האָבענדיג זיך צוגעוואוינט און איינגעאַרבייט, פאָדערען זיין פּרייז, וואָס קומט איהם. דערצו איז ניט נויטיג קיין אינטעליגענץ, קיין קלאַסענבאַוואוסטזיין, נאָר איינפאַכער מענשענפאַרשטאַנד, וואָס מיר מיינען, אונזערע קלאָוקמאַכער האָבען אין א פולער מאָס.

סאל. זיידמאַן. — געלעזען מיט פאַרגעניגען אייער רעפּאָרט, וועלכער וועט געווים פאַרעפענטליכט ווערען, ווי אויך דעם פּריוואַטליכען פערזענליכען בריוועל. די „נייעס“, וואָס איהר טיילט מיט וועגען דער ארבייט פון די דאָרטיגע גענאָסען, האָבען מיר שוין געוואוסט פון אַנאַנדער קוואַל, אָבער עס פרעהט אונז יעדענפאַלס, וואָס איהר נעמט אַזאַ וואַרימען אינטערעס אין דעם. הפנים, עס טלייעט נאָך א פונק פון די אַמאָליגע צייטען. מיר וועלען אויך זעהן וועגען דעם אַגענט. און וואָס אַנבעטרעפט, דאָס די ארבייט געהט צו לאַנגזאַם, דאָס איז דאָך געווען צו ערוואַרטען, לויט דעם באַקאַנטען פּסוק: „כל התחלות קשות“.

י. סקלאַר. — עס איז גאָר קיין צווייפעל ניט, אַז ווען איהר וואָלט נאָך איצט געווען אַן ארבייטער, און ניט קיין באָס, כאָטש נאָר א קליינער באָס, וואָלט איהר ניט געשטעלט אונז די פראַגע „פאַרוואָס פאַרלאַנגען די ארבייטער באַצאָהלט פאַר זייערע ליגעל האָלידעיס?“ דאַן וואָלט דער ענטפער געקומען פון זיך אַליין: „און אין א ליגעל האָלידעי דאַרף איך ניט עסען, און אין א ליגעל האָלידעי מוז איך ניט באַצאָהלען רענט און פאַר אַלע אַנדערע באַדירפניסע? איצט אָבער, אַז איהר זענט א באָס, איז עס גאַנץ פאַרשטענדליך, וואָרום, פון אייער באָסישען שטאַנדפּונקט, איהר ווילט ניט פאַרשטעהן אַזאַ קלייניגקייט. נאַטירליך, ווען דער ארבייטער וואָלט געקראָגען באַצאָהלט פאַר זיין ארבייט איהר פולען ווערט, וואָלט אייער טענה געווען א גערעכטע. ווייבאַלד דו ארבייטסט ניט, קענסטו גאָרניט פאַרלאַנגען, און דאָס, וואָס דו פאַרדינסט אין די ארבייטס-טעג, דאַרף דיר אויך סטאַיען פאַר די יום טובים. אָבער דאָס איז דאָך ניט דער פאַל. אפילו איצט, ווען די ארבייטער קריגען די הויכע פּרייזען, קריגען זיי דען מעהר ווי-פיעל עס איז נויטיג צום לעבען? איז דען ניט א פאַקט, אַז יעדעס מאָל, ווען דער ארבייטער פאָדערט א העכערונג, שטעלט מען גלייך די פראַגע וועגען די קאָסטען פון לעבענס-מיטלען, און נאָר דאַן, ווען מען געפינט אויס, אַז די לעבענס-מיטלען זיינען געשטיגען אין פּרייז, ווערט די העכערונג באַווילליגט? הייסט עס דאָך, אַז אפילו איצט לעבט דער ארבייטער אין די מייסטע פעלע „פון האַנט אין מויל“, טאַ האָט ער דאָך א רעכט צו פאָדערען אויך קריגען באַצאָהלט פאַר די יום טובים, ווייל, כאָטש דאַן ארבייט ער ניט, אָבער לעבען מוז ער דאָך, און אויב עס זאָלען איהם פעהלען 10 טעג שכירות, מיינט עס, אַז עס פעהלט איהם א חודש'ס טייל פון זיינע פאַרדינסטען. עס איז מערקווירדיג, אַז אייך קומט גאָר אין זינען ניט די אומגערעכטיגקייט צו צאָהלען רענט פאַר אייער שאַפּ, פאַר אייער גאַנצען פּלענט אין א יום טוב-טאָג. נור ווי עס קומט צום ארבייטער, שטעלט איהר די פראַגע, וואָרום זאָל דער ארבייטער פאַרלאַנגען געלט פאַר ניט ארבייטען? אמת, איהר דערציילט אונז, אַז אין מאַנכע שעפּער, אין גרויסע שעפּער, סטאַפּט מען אַבזיכטליך אָפּ די ארבייט, כדי ניט מוזען באַצאָהלען פאַר דעם ליגעל האָלידעי. אויב אַזוי, איז עס מאַקי א גרויסע געמיינהייט פון אַזעלכע באָסעס. אָבער, דעם אמת געזאָגט, מיר גלויבען ניט, אַז עס איז אַזוי, ווייל מיר זיינען זיכער, אַז אין דער צייט ווען עס איז ביזי, קען זיך קיין באָס ניט לייגען אַזאַ שפּיצעל. ער קען גיכער פיעל מעהר פאַרלירען דורך דעם, ווי געווינען. און אויב עס איז סלעק, וואָלט ער דאָך זאָ-ווי-זאָ אָפּגעלייגט די ארבייטער, יע אָדער ניט ליגעל האָלידעי. איהר רעדט פון דעם, וואָס די ארבייטער פאַרלאַנגען עפּעס אומזיסט. געהט שוין געהט, זאָלען נאָר די באָסעס אויפגעבען די פּראַקטיק פון פאַרלאַנגען עפּעס אומזיסט, און עס וועט זיין אַלעס אַלרייט. די ארבייטער האָבען קיינמאָל ניט פאַרלאַנגט עפּעס אומזיסט; זיי האָבען גאָר, פאַרקעהרט, זעהר אָפט אַוועקגעגעבען אַנדערע זייער ארבייט אומזיסט. נעמט ניט פאַר אומגוט, וואָס מיר זיינען אַזוי אָפענהערציג מיט אייך. דאָס איז אונזער עהרליכע מיינונג און נעמט עס ניט אויף זיך פּערזענליך. ווי איהר שרייבט, זענט איהר נאָר ערשט פיער יאָהר א באָס, און דאָס, לויט אייער אויסדרוק, א „זנב לאריות“, וואונדערט מאַקי אונז, וואָס איהר האָט שוין אַזוי גיך פאַרלאָרען די פעהיגקייט צו קוקען אויף זאַכען און די וועלט מיט אויגען פון אַן ארבייטער. מיר ווילען האָפען, אַז נאָך אונזער ענטפער וועט איהר בעסער פאַרשטעהן דעם ארבייטער'ס שטאַנדפּונקט, און אַז צוליעב דעם וועלען די באַציהונגען צווישען אייך, לכל הפּחות, און אייערע ארבייטער ווערען וועניגער אָנגעצויגענע, ווי זיי זיינען ביז איצט געווען. נאָך עפּעס, מיר זעהען פון אייער בריף, אַז איהר האַלט איצט די ארבייטער פאַר גאַנצע מיליאָנערען. אָבער דאָס איז ווייט ניט ריכטיג. מיט אַלע זיינע הויכע וויידזשעס האָט דער דורכשניטליכער ארבייטער אַלץ ניט מעהר, ווי קוים, קוים גענוג צום לעבען. וואָרום, אויב עס וואָלט אַנדערש געווען, טו וואָרום זאָל אַזאַ קליינער באָס, ווי איהר, ניט אויפגעבען זיין שאַפּ און געהן צו דער ארבייט, און זיך „אָנשיטען מיט געלט“?

א. סילווער. — עס טוט אונז זעהר, זעהר לייד, וואָס פון אַן אַלגעמיינער וויכטיגער, זעהר וויכטיגער פּראָבלעם מאַכט איהר גאָר א פּערזענליכע אָנגעלעגענהייט, און אין אייער כעס רעדט איהר גאָרניט צו דער זאַך. מיר וועלען, נאַטירליך, אויסלאָזען אייער באַליידיגונג, אַז מיר ריידען צו דער גאַליאַרקע, און נאָך אַזעלכע שטותים. עס איז פשוט אונטער אונזער עהרע צו ענטפערען אויף דעם, אָבער אייער בריעף, וועלכען מיר פאַרעפענטליכען, באַשטעטיגט אַלעס, וואָס מיר האָבען געזאָגט איבער דער זעהר וויכטיגער פראַגע. די פראַגע איז: איז עס געזונט פאַר א יוניאָן, אַז איהר געוועזענער באַאַמטער, וואָס ווערט מעהר ניט באַצאָהלט פון איהר, און וואָס קומט אין געשעפטליכע באַציהונגען גראַדע מיט די, מיט וועמען די ארבייטער האָבען שטענדיגע סכסוכים, איז עס גוט, איז עס נאַטירליך, אַז ער זאָל נאָך אַלץ פיהרען די געשעפטען פון דער יוניאָן? אויף דעם קען זיין נאָר איין ענטפער: עס איז ניט געזונט. דערצעהלט איהר דאָך אַליין אין אייער בריף, ווי שטאַרק איהר האָט זיך געמוזט היטען, אַז איהר זאָלט, חלילה, ניט געשטרויכעלט ווערען, אַז איהר זאָלט ניט איבערטרעטען די גרענעצען... פאַרשטעהט זיך, אַז מיר צווייפלען ניט אין דעם פאַר איין מאָמענט, און מיר האָבען עס אויך ערקלערט אין אונזערע נאָטיצען. אָבער איז עס נאָרמאַל? דאַרף עס אַזוי זיין? און קען עס לאַנג אָנהאַלטען? און איז עס א געזונטער צושטאַנד, דאָס די יוניאָן פאַרמאָגט ניט קיינעם, וואָס זאָל קענען פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון א בעאַמטען, וועלכער פאַרלאָזט איהר? אויף דעם קענען אויך ניט זיין קיין צוויי ענטפערס. אָט דאָס איז די פּראָבלעמע, און מיר האָבען ניט געמיינט קיינעם צו שטעכען, ווען צו טאָן, נאָר געזוכט צו מאַכען קלאָר די לאַגע, ווי זי איז, און עס טוט אונז ווירקליך לייד, וואָס אַנשטאָט צו פאַרשטעהן די פּראָבלעמע אין איהר גאַנצער ברייטקייט און וויכטיגקייט און פון אייער זייט העלפען איהר לייזען, מאַכט איהר דערפון גאָר א פּערזענליכע פראַגע? וועל, עס איז ווירקליך שלעכט, ווען „א איד איז א כעס'ן“, ער רעדט דאַן אַרויס ווערטער, מיט וועלכע ער מוז זיך שפּעטער שעמען. און מאַקי דערפאַר, און אין דער האָפנונג, אַז אין דער צוקונפט וועט איהר לערנען צו קאָנטראָלירען זיך, פאַרעפענטליכען מיר אייער בריעף, ווי ער איז געשריבען, ניט ענדערענדיג קיין אות אין איהם.

באַדויערונגס רעזאָלוציע פון לאָקאַל 123

אין אנבעטראַכט דאָס דער טויט האָט אוועקגערויבט פון אונזערע רייהען מרס. זאַנטאַג, די באַליעבטע פרוי פון ברודער סעמיועל זאַנטאַג, און מר. קעסע, דער ברודער פון אונזער שוועסטער מיס קעסע, זיי עס דאַרום באַשלאָסען, דאָס מיר, דער לאָקאַל 123, פון דער אינטערנעשאַנאַל לידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן פון פּעטערסאָן, נ. דזש., פאַרזאַמעלט אויף א מיטינג, דריקען אויס אונזער טיעפען באַדויערען אויף דער טרויעריגער פּאַסירונג און מיר שיקען אונזער סימפּאַטי צו די קרובים פון די געשטאָרבענע.

זיי עס אויך באַשלאָסען, דאָס דיזע רעזאָלוציאָן זאָל געדרוקט ווערען אין די „גערעכטיגקייט“.

ס. פרידמאַן,
פּיליפּ קאַהען,
רעזאָלוציאָנס קאָמיטע.

דער געשריבענער קאנטראקט געגען דעם ניט געשרי-בענעם געזעץ אין ארבייטער סכסוכים

פון עליאס ליבערמאן

ווען די קלאוק-מאכער האבען ארויס-געשטעלט א פאדערונג צו זייערע בעלי בתים צו העכערען די ווייזשעס, ווייל מיט די אלטע ווייזשעס קען מען קיין לעבען ניט מאכען, איז דער ענטפער פון די בעלי בתים געווען: דער געשריבענער אגרי-מענט. ד. ה. דער געשריבענער אגרי-מענט האט ניט קיין פונקט אונטער וועל-כען די ארבייטער זאלען האבען דאס רעכט צו פאדערען העכערע שכירות אין מיטען טערמין פונ'ם קאנטראקט.

ווען די ווייסט-מאכער האבען גע-שטעלט אן עהנליכע פאדערונג צו זייערע בעלי בתים איז דער ענטפער געווען דער זעלבער: געשריבענער קאנטראקט.

אלזא, די אישו פון דעם סכסוך איז א קלארע און דאס איז: דער געשריבענער קאנטראקט געגען דעם ניט-גע-שריבענעם געזעץ.

דער ניט-געשריבענער געזעץ איז גאנץ קלאר, הגם ער איז ניט געשריבען און דאס איז: אז דער ארבייטער איז בא-רעכטיגט צו מאכען א לעבען פון זיין ארבייט. וואס פאר א פונקטען דער גע-שריבענער אגרימענט זאל ניט ענטהאלטען מוז ער אבער זיין ברייט גענוג צו פאר-זארגען דעם הויפט-פונקט און דאס איז: אן אנשטענדיגען לעבען פאר'ן ארבייטער. דער אגרימענט וואס ענטהאלט עס ניט איז ניט ווערט דעם פאפיר אויף וועלכען ער איז געשריבען, פשוט דערפאר ווייל אן אגרימענט וואס קען ניט אפנעהמען ווערען איז קיין אגרימענט ניט.

האבענדיג דאס אין זינען לאמיר בא-טראכטען דעם שטאנדפונקט פון ביידע צדדים: די ארבייטער זאגען: מיר האבען געמאכט אן אגרימענט נאכגעבענ-דיג די בעלי בתים, אז פאר א באשטימ-טער צייט זאל שלום הערשען אין דער אינדוסטריע. אז מיר פון אונזער זייט זאלען ניט פאדערען קיין נייע איזבריי-טערונג פון אונזערע רעכט, אז געוויסע קאנדיציעס זאלען הערשען אין דער אינ-דוסטריע א. א, וו. מיר האבען אויפגע-געבען אונזער רעכט פון צו נוצען אונזער מאכט פונ'ם סטרייק' ווייל די בעלי בתים האבען איינגעשטימט צו געוויסע באדינ-גונגען, ערשטענס, צו באצאהלען אונז אז מיר זאלען קענען מאכען אן אנשטענדיגען לעבען אונטער די אומשטענדען, צו אנער-נען אונזער רעכט צו זיין ארגאניזירט און צו פעסטשטעלען געוויסע קאנדיציעס וועלכע זאלען עקזיסטירען אין דער אינ-דוסטריע אין וועלכער מיר זיינען בא-שעפטיגט.

כל זמן אט די הויפט פונקטען ווערען דורכגעפיהרט — קען דער אגרימענט אנ-האלטען! אזוי שנעל אבער ווי די הויפט-פונקטען ווערען ניט באטראכט מוז דער אגרימענט ווערען א דורכפאל.

דאס ברענגט אונז צו דער וויכטיגער פראגע אין אלע עהנליכע ארבייטער סכסוכים: צי קענען ארבייטער געהאלטען ווערען פאראנטווארטליך צו די ספעציפישע פונקטען פון ווייזשעס אין אן אגרימענט, אויב דער ווערט פונ'ם דאלאר ענדערט זיך אין דעם טערמין פאר וועלכען דער אגרי-מענט איז געמאכט געווארען?

אין אנדערע ווערטער, קען מען אגרי-מענטס מיט ארבייטער פארגלייכען צו אלע אנדערע קאנטראקטען צווישען גע-שעפטס-לייט וואו ביידע צדדים קענען האלטען איינע די אנדערע פאראנטווארט-ליך צו דער געשריבענער באדייטונג פונ'ם יעדען פונקט אדער ניט?

דער ענטפער פון די בעלי בתים איז אז אן אגרימענט איז אן אגרימענט, אונטער-געשריבען — איז פארפאלען, פון קיין אנדערע אויסטייטשונגען ווילען זיי ניט וויסען. אויב אזא פאליסי זאל אנגעווענ-דעט ווערען און אויב אזא פאליסי זאל גוט-געהייסען ווערען פון דעם אלגעמיינעם פובליקום — דאן בלייבט איבער פאר די ארבייטער צו ענדערען זייער פאליסי אין בעצוג צו אגרימענטס. נעמליך, קיין מאל ניט איינצושטימען אויף צו מאכען אגרי-מענטס אויף אירגענד וועלכען לאנגען טערמין. ארבייטער קענען ניט באהויפ-טען צו גאמבלען מיט זייערע ווייזשעס, וואס איז זייער איינציגע חיונה-מיטעל. זיי קענען ניט אפארדען צו שפיעלען זיך מיט'ן ווערט פון דאלאר אין אפענעם מאר-קעט, ניט דער דאלאר נאך דער ווערט פון דאלאר ווען דער אגרימענט ווערט געמאכט ווערט גענומען אין אנבעטראכט ביי די ארבייטער אין שליסען זייערע אגרימענטס מיט די בעלי בתים. אויב א דאלאר אין יענעם מאַ-מענט קען קויפען דריי פונט ברויט, איין פונט פלייש און דריי פונט צוקער דאן איז דאס פאר אזוי פיעל דאלארס פון אזא סארט ווערט וואס דער ארבייטער שטימט איין צו ארבייטען. ענדערט זיך אבער דער ווערט פונ'ם דאלאר, קען דער דאלאר בלויז קויפען צוויי פונט ברויט, צוויי פונט צוקער און איין פונט פלייש — דאן פעהלט דעם ארבייטער דער פונט ברויט און דער פונט צוקער פאר וועלכען ער האט פארדונגען זיין ארבייט. און סיידען דער בעל הבית איז ווילינג אומצו-קערען איהם דעם פונט ברויט און דעם פונט צוקער פון וועלכע דער ארבייטער איז בא'גזל'ט געווארען — קען ער ניט ערווארטען דעם ארבייטער צו ארבייטען אונטער דעם געוועזענעם אגרימענט.

ווען מיר באטראכטען די ביזנעס-וועלט אין באצוג צו דער פראגע, זעהען מיר אז קיין פירמע וועט אין יעצטיגערע צייט ניט אננעהמען קיין לאנג-יעהריגע קאנט-ראקטען אויף פראדוקטען פאר דער בא-שטימטער פרייז וואס עקזיסטירט אין יעצטיגען מאמענט. וואס די ביזנעס-פירמע זאגט, איז דאס פאלגענדע: איהר ווילט וואדע? — מיר אונטערנעהמען זיך צו מאנופעקטשורען עס פאר אייך. מיר קענען אבער ניט מאכען מיט אייך איין פרייז. דער פרייז וועט דארפען געענדערט ווערען לויט דער צייט און לויט דעם מארקעט. (מיר רעדען דא וועגען לאנג-יעהריגע טערמינען). אויב טרו-קענע ראיעלע געשעפטס-לייט קענען ניט אונטערנעהמען זיך אזעלכע ספעקולאציא-נען ווי אזוי קען מען ערווארטען אז אר-בייטער וועמענס ארבייט איז בלויז דער איינציגער מיטעל צום לעבען זאלען אויף זיך נעהמען די פאראנטווארטליכקייט פאר דער ספעקולאציאן פון דעם דאלאר-ווערט?

נאך א זאך, וואס טוט די ראיעלע גע-שעפטס-פירמע מיט די לאנג יעהריגע קאנטראקטען? זי זאגט: מיר זיינען ווילינג צו ארבייטען פאר אייך אונגע-שטערט, צושטעלען אייך אלע פראדוק-טען וואס מיר שאפען, זעהן אז אייערע ביזנעס זאל אנגעהן אונגעשטערט. וואס מיר זיינען אבער ניט ווילינג — איז צו באשטימען מיט אייך די פרייזען אין פאר-אויס. די פרייזען וועלען מיר זיין גע-צוואונגען צו רעכענען אייך לויט דעם מארקעט פרייז. און אט אין דער זעלבער לאגע געפינט זיך די ארבייטער ארגאני-זאציאן, ווען זי מאכט א קאנטראקט מיט דעם ארבייט'ס-געבער. די ארגאניזאציאן פארשטעהט אז יעדער אגרימענט ווערט געשריבען מיט דער איינפארשטענדניס, אז דאס הויפט-אונטערנעהמונג מצד דער יוניאן איז צו זעהן אז די ביזנעס זאל אנגעהן אונגעשטערט, צו צושטעלען די ארבייטער-קרעפטען וואס זיינען נויטיג פאר דער ארבייט, אנצוהאלטען דעם אג-רימענט אזוי לאנג ווי עס איז איינפאר-שטאנען געווארען. דער פרייז אבער קען ניט זיין קיין אנדערער ווי דער מארקעט-פרייז, אדער דער פרייז וועלכער איז פראָ-פארציאנעל מיט דעם ווערט פון דאלאר אין דער צייט ווען דער אגרימענט איז געשלאסען געווארען.

עס איז אמת, אז אונטער נארמאלע אומשטענדען איז דער פרייז פון וויי-דזשעס ניט געענדערט געווארען אין פארלויף פון אן אגרימענט און דאס האט געמאכט צו גלויבען אז א סקייל פון ווייזדזשעס איז בינדענד אויף ארבייטער פאר'ן פארלויף פון דעם גאנצען טערמין פונ'ם אגרימענט. נאר ווארום איז דער סקייל ניט געענדערט געווארען? — ווייל די אומשטענדען זיינען געווען נארמאלע. די ענדערונגען פון דעם דאלאר-ווערט איז ניט פארגעקומען מיט אזא שנעלקייט און אין אזא מאסשטאב ווי יעצט. אזוי שנעל ווי די ענדערונגען האבען גענומען פאר-קומען, צום ביישפיעל דורך דער מלחמה צייט, האבען ארבייטער ארגאניזאציאנען פארלאנגט אן ענדערונג אין די סקיילס, כדי נאכצוקומען די נייע לעבענס-באַ-דינגונגען. מיר האבען געהאט אן אנ-צאהל אזעלכע ביישפיעלע דורך דער מלחמה-צייט וואו ניט נאר די ארבייטער האבען פארלאנגט ענדערונגען, נאר זיי האבען טאקע געקראגען. די נאציאנאלע מלחמה-באארד פאר לייבאר סכסוכים האט אין פיעלע פעלע דורכגעפיהרט דעם פרינ-ציפ.

אויב די בעלי בתים'ס טענה זאל אנ-גענומען ווערען אז אן ארבייטער אגרימענט איז ווי אלע אנדער אגרימענטס און די פונקטען מוזען אויסגעטייטשט ווערען בוכשטעבליך, וואס וואלט פאסירען ווען די ווערט פון דאלאר ווערט נאך קלענער און, צום ביישפיעל, האט די זעלבע קויר-פונגס-קראפט פון דעם דייטשען מארק אדער רוסישען רובעל? וואלטען גע-קענט דאן בעלי בתים טענה'ן אז אן אג-רימענט איז אן אגרימענט, די ארבייטער מוזען פאר'משכנ'ען זייערע מטלטלים אבי ארבייטען פאר די בעלי בתים? אזא טענה וואלט זיכער געווען לעכערליך. די ארבייטער וואלטען דאן זיכער געווען בארעכטיגט צו ענדערען די פרייזען פון דעם אגרימענט לויט די נייע לעבענס באַ-דינגונגען, דאס הייסט ניט דער צאהל פון די דאלארס וואלט גענומען ווערען אין אנ-באטראכט, נאר די ווערט פונ'ם דאלאר.

אין פרינציפ איז נימא קיין שום אונ-טערשיעד צי דער דאלאר איז געפאלען דרייסיג פראצענט אדער זיבעציג פרא-צענט, אזוי שנעל ווי מען מוז צוגעבען אז די ענדערונג אין דאלאר וואלט געפאדערט אן ענדערונג אין דעם אגרימענט — דאן לאגישערווייזע מוז מען אויך צוגעבען אז ווען די ענדערונג אין דאלאר איז דרייסיג פראצענט זיינען די ארבייטער בארעכטיגט צו אן ענדערונג אין דער טייל פונ'ם אגרימענט וועלכע באשטימט די פרייזען.

דאס דארפען די בעלי בתים האבען אין זינען ווען זיי מאכען אגרימענטס מיט ארבייטער ארגאניזאציאנען. דאס איז דער ניט-געשריבענער געזעץ און אלע אר-בייטער קאנטראקטען. און ניט נאר ווען דער אגרימענט ענטהאלט ניט קיין פונקט וועגען ענדערונגען אין פרייזען נאר זא-גאר ווען דער אגרימענט וואלט אויסדריק-ליך ערקלעהרט אז קיינע ענדערונגען אין פרייזען זאלען ניט פארקומען — דאן מוז אויך פארשטאנען ווערען אז דער ניט-גע-שריבענער געזעץ וועט אלע מאל גענומען אין אנבעטראכט דעם ווערט פונ'ם דאלאר ווען דער אגרימענט איז אונטערגעשרי-בען געווארען און דעם ווערט פונ'ם דאלאר ווען די ענדערונג ווערט פארלאנגט.

„ארבייט איז ניט קיין פראדוקט" איז דער אננענומענער געזעץ און דער ניט-געשריבענער געזעץ מוז אלע מאל גענו-מען ווערען אין אנבאטראכט אין אויס-טייטשען געשריבענע קאנטראקטען מיט ארבייטער-ארגאניזאציאנען.

צו אלע מאנזבילען!

(און אפילו אנשטאט א פעליעטאן.)

פון לעבעדיגען

מאנסבילען — רוף איך אויס, כמעט פרא-פעטיש, — זייט פארזיכטיג!

פארהייראטע הויזען-טרעגער, פון אלע קלאסען און קוואליטעטן, היט זיך. אן אומ-גליק קומט אויף אונז!

איהר האט אודאי געלעזען אין די צייט-טונגען, דאס שטיקעל ביזעס וועגען דעם לופט-פליהער'ס ווייב, וואס העלפט דעם מאן ארונ-צוברענגען זיין געליעבטע מיט איהר דריי-מאנאטדיגע בייבי דערצו? און איהר האט אודאי געפרעהט זיך, געיובעלט, געזאגט צו דער ווייב מיט א שמייכעל:

— נו, ווען וועסטו שוין אזוי טאן?

און אייער ווייב האט זיך פארטראכט. און איהר אליין האט אודאי גענומען פאנטאזי-רען, אז אט, אט, און מיט אייך וועט אויך פאסירען די זעלבע זאך. אז אט, אט, און די שמערצליכסטע פון אלע פראגען: וואס טוט מען מיט א געליעבטע? ווי מאכט מען אזוי, אז דאס ווייב זאל אויף איהר געבען אן „הכשר"? ווי אזוי ארדענט מען בכלל איין דעם דאזיגען „טרפה'ן עסק" — אז די דאַ-זיגע שמערצליכע פראגע וועט באלד געלייזט ווערען. און איהר האט זיך אודאי פאר-טרוימט, אז אין איין שעהנעם אווענט וועט אייער ווייב אייך צורופען און זאגען:

— דזשוייק, איך ווייס דאך, אז דו האסט א געליעבטע אין בראנזוויל, אין קאנארסי אין פילאדעלפיא, אדער ערגעץ-וואו אנדערש, און איך זעה דאך, אז דו חלש'ט אויף תיינס אווענט „פארפאלען ווערען פון דער היים" — טא ווייסטו גאר וואס, דו נעהם ברענג דיין געליעבטע אהער! איך וועל דיר ניט שטע-רען!

און ביי דערביי עפענט זי אויף איהר פייטשעלע אין דערלאנגט אייך אויף עקסטרא הוצאות: איין קאר-פער, פאר ברענגען די געליעבטע.

אין איהר ווערט אודאי פול מיט פרייד, איהר זייט גליקליך, וואס ענדליך איז אייער פרוי געווארען אזא „מלאך" אין ניט נור זי מאכט אייך ניט מעהר קיין סצענעס — נור זי העלפט אייך נאך ארויס.

אבער טאקע אין דעם, ליעבע מאנזבילען, ליגט דער גאנצער אומגליק!

מיר דוכט, אז אין דער גאנצער געשיכטע מיט מיסיס ספייקס ליגט א ריזיגע געפאהר פאר אונז.

אז דאס איז בלויז נאך א נעץ אויף צו כאפען אונז, נאך א „פעטליע" אום שטארקער צו פארציהען אונזערע העלזער!

מיר דוכט, אז מיר שפילען זיך דא מיט אונזער גאנצער פרייהייט.

מיר דוכט, אז די מיסיס ספייקער, וועל-כע האט געשיקט א שיפסקארטע נאך איהר מאן'ס געליעבטע אין ענגלאנד, — איז זעהר א כיטרע פרוי, זעהר א כיטרע!

מיר דוכט, אז זי באצוועקט דערמיט צו צוברעכען די גאנצע „סיסטעם פון האבען געליעבטע".

ווייל וואס פאר א כח ליגט אין א גע-ליעבטע? דאס איז דער כח פון סוד פון גע-היימניס, פון אוועק פון דער היים אויף א אווענט, דאס איז דער צויבער פון דער נייגיעריגקייט, פון דער יום-טוב'דיגקייט. פון די „פארבאטענע פרוכט" — אבער שטעלט זיך פאר ווען די זאך ווערט אויס סוד, ווען דער מאן דארף זיך מעהר ניט באהאלטען. ווען דער מאן קען זיין געליעבטע ברענגען צו זיך אין הויז פריי און זיכער, און דאס ווייב זאל פאר איהר נאך אליין עפענען ברייט די טהיר, — דאן איז אויס מיט דאס געליבטע-שאפט! דאן ווערט די געליעבטע אויס מיוחסת! דאן ווערט זי א צווייטע ווייב! דאן קען גאר גרייליך געבען, אז דער מאן זאל זיך גלייך כאפען, אז דאס ווייב איז פיעל שעהנער פון דער „געליעבטער".

אזוי, דענק איך, — וועגען דעם גאנצען ענין, פון מיסיס ספייקער'ס גוטסקייט צו איהר מאן, דעם לופטפליהער'ס געליעבטע, מיט עמילי נאועלס.

ווייל סתם אזוי איז דאס געגען דער פרויען-פסיכיק! א פרוי זאל אליין מיט די אייגענע הענט שיקען נאך איהר מאן'ס גע-ליעבטע, זיך סטארען פאר איהר ווי פאר אן אייגענער שוועסטער —

דאס איז ניט נאטירליך!

אלא וואס דען? דא ליגט פרויען-כיטר-קייט; דא וויל א פרוי אונטערשטעלען א פיסעל דעם גאנצען מאנזביל-מין!

און וועט זיך איהר עס איינגעבען? איך גלויב, אז יע.

ווען אלע פרויען זאלען נעהמען נאכמאן מיסיס ספייקער'ס ביישפיעל: ארונטערנעהמען די „בלאקאדע" איבער דעם מאן'ס גע-ליעבטע, ערלויבען דעם מאן צו ברענגען זיין געליעבטע צו זיך אין הויז — דאן איז א סוף צו אונזערע ליעבעס — וועה צו אונז!

און דארום, טראכט איך טאקע, אז מיר מאנזבילען, טארען אז אזאך ניט אפלאדירען. מיר מוזען אפשר, פארקעהרט, אנווענדען מיטלען, דאס צו פארמיידען.

ווייל אויב ניט, דוכט זיך מיר, אז מיר זיינען פארלארענע מענשען...

פון אויבען-אויף, דוכט זיך, א טובה, א גאנצע רעוואלוציע פון אונזערט וועגען! א נייער ערלייזונגס-אקט!

אבער באמת, איז דאס א נייער מאנעוור אונז צו פארהויזליכען. פארשקלאפען און פאר איין-ווייב-ליכען.

אויב די ווייבער פון אלע קלאסען זאלען טאקע נעהמען נאכמאן דער מיסיס ספייקער, דאן איז א סוף צו אלע ראמאנען, דאן איז אן עק צו אונזערע מאנזבילישע שטרעבונגען נאך ליעבע.

דאן וועלען מיר אלע מוזען מאנ-אגאמיש, נאכטרעגליך, זיצען אין דער היים, מיט דער ווייב, און צוקוקען ווי זי „קאכעט" אונזער געליעבטע, ווי זיי ליעבען זיך ווי טוי-בעלאך. דאן, הייסט עס, איז אן עק און א סוף צו עברות. און וואס זיינען מיר, זינדיגע מאנזבילען, ווערט אהן עברות?

נור אן עבירה'לע האלט אונז אויף די פיס, דערמאנט אונז אן די יונגע בחור'שע גליק-ליכע יאהרען...

נור מיט א שטיקעל עברה'לע ביים זייט, קענען מיר, ווי ס'ניט איז, אויסהאלטען דעם שווערען יאך פון פאמיליען-לעבען.

יע, ס'איז א מאדנע הילף, די דאזיגע הילף וואס א ווייב וויל העלפען איהר מאן'ס געליעבטע. עס ברענגט ארויף אויף מאדנע געדאנקען.

די

סטייט באַנק

דעפּאזיטארי פון די יונייטעד סטייטס גאווערנמענט
סטייט און סיטי אוו ניו יארק
יונייטעד סטייטס פּאסטאל סייווינגס פאַנד

יעצט איז די צייט איהר זאָלט אויך ווע־
רען איינער פון אונזערע דעפּאזיטאָרס

לייגט ניט אָפּ

אלע געלדער דעפּאזיטעט ביז דעם 10־
טען יאנואר ברענגען אינטערעסט
פון 1טען יאנואר

פאָרעין דעפּאַרטמענט

די וואס ווילען העלפען זייערע קרובים אין אויסלאנד, בעזאָנדערס אין פוילען, רומעניע, גאליציע, און טשע־כא־סלאוואקיע, קענען שיקען געלד מיט די ביליג־סטע רעיטס דורך דער סטייט באַנק.

אונזערע טשעקס ווערען איבעראל אויס־
געצאָהלט

The State Bank

376 און 378 גרענד סטריט, ניו יארק

ב ר ע נ ט ש ע ס :
100 עסעקס סטריט ; 7 וועסט 26טע סטריט ;
1400 פינפטע עוועניו ;
158־טע סטריט, יוניאן און וועסטשעסטער עוועניוס
פיטקין און סטאון עוועניוס, ברוקלין.
גרעהעם עוועניו און ווערעט סטריט, ברוקלין.

האַרלעם יוניטי סענטער.

פּראָפ. א. גאָלדבערג

וועט לעקטשורען אין אידיש

איבער ליטעראַטור

אין האַרלעם יוניטי סענטער
פון דער אינטערנעישאַנאל לײדיס גארמענט וואָרקערס יוניאָן,

אין פּאַבליק סקול 171

103טע סטריט, צווישען מעדיסאָן און 5טע עוועניו.

פרייטאָג, דעם 6טען פעברואר

7.45 אוהר אווענדס.

איינטריט פריי צו מעמבערס פון דער אינטערנעישאַנאל.

דיזע לעקטשורס וועלען פאָרטגעזעצט ווערען יעדען פרייטאג.



באַרנעט ל. בעקער

אפּטאמעטריסט און אָפּטישען
215 East Broadway — 100 Lenox Avenue
1709 Pitkin Ave., Brooklyn — 895 Prospect Ave., Bronx

דעזיינערס ווערען זעהר פערלאַנגט

מענער און פרויען פאַר־
דיענט מעהר געלד!
הונדערטע לייטע האָבען שוין אויס־
געלערענט אונזער מעטאָדע און
יעצט פארדיענען זיי פיעל געלד.

נעמט יעצט א קאורס
אונטעררייכט
— אין די —

מיטשעל סקולס

אין דיזיינינג פיר מענער, פרויען, מיסעס און קינדערשע קליידער. ספעציעל קורס אין פאַר דיזיינינג. דאָס מיינט איין גאָלדענע פּאַזישאָן און גרויסע געהאלט.

די מיטשעל סקוהלס אין גאַר־מענט־קאטינג, דיזיינינג פּאַטטערן־מייקינג, גריידינג און פיטינג איז עסטאַבלישד איבער 50 יאהר און האָט ערפאָלג.

נייע אידעען. נייע סיסטעמס. בעסטע מעטאָדען. בעסטע רעזולטאַטן.
פּריוואַט אונטעררייכט אין אידיש. טאָג און אבענד קלאַסען. גוטע בעדינגונגען.
שרייבט, טעלעפאָנירט אדער קומט פאַר א פרייען בוקלעט,
דעמאָנסטרײשאָן און פולע אויסקינפטע.

אבענד־קלאַסען: מאָנטאג, מיטוואָך און פרייטאָג.

MITCHELL DESIGNING SCHOOLS

912-920 [Cor. 21st] Broadway, New York

Phone [illegible]

לעבען און טעטיגקייט אין די אפיסעס פון דזשאינט באארד

פון א סטעף רעפארטער

מיט אייניגע וואכען צוריק האבען מיר געגעבען אן איבערבליק איבער א לענגערען רעפארט פון „פראטעקטיוו דיוויזשאן", וואס דער מענעדזשער ברודער רובין האט צונעשטעלט דעם דזשאינט באארד, פון דער טעטיגקייט אין דעם אפיס זייט דעם סעטלמענט פון לעצטען גענעראל-סטרייק אין דער קלאוק אינדוסטרי פון ניו יארק. איצטער האבען מיר פאר זיך צוויי רעפארטען פון די אנדערע אפיסעס פון דזשאינט באארד, א רעפארט פון ברודער סאול מעטץ, דער מענעדזשער פון „אמעריקאן אסאסיאיישאן" אפיס און א רעפארט פון ברודער ס. פריזאמט, דער מענעדזשער פון דעם סקירט און דרעס דעפארטמענט פון דזשאינט באארד.

וועהרענד ברודער רובין'ס רעפארט האט זיך באצויגען אויף א לאנגער פעריאדע פון טעטיגקייט באציהען זיך דיזע רעפארטען אויף דער טעטיגקייט אין די רעגמאנטע צוויי אפיסעס פון בלויז א פאר וואכען. אבער נישט קשה, עס איז אהן אחריות, כאטש די צוויי רעפארטען באציהען זיך בלויז אויף א פאר וואכען טעטיגקייט אין דיזע אפיסעס פון דער קלאוקמאכער יוניאן, פונדעסטוועגען שטעלען זיי אין זיך נענוג מאטעריאל צו ווייזען אין די קוואליטעט, אי די קוואנטיטעט פון דער ארבייט וואס ווערט דארט געטאן.

מיר וועלען נעהמען אפריהער דעם רעפארט פון ברודער מעטץ.

אין די לעצטע פאר וואכען, ביז דעם 15טען יאנואר איז אין דעם אפיס אטענדעט געווארען 1107 קאמפליינטס און קאנטראלס, קלאסעפיצירט ווי פאלגט:

דיסטשארדזש קייסעס — — 67
ווענען נים גלייכער טארטיילונג פון ארבייט — — 33
ווידזש קאלעקשאנס — — 97
קאמפליינטס געגען פירמען וואס באשעפטיגען נים קיין קאטערס און מאכען ארבייט פאר נים געסעטעלטע „דזשאבערס" — — 136
פעלע וואו נים יוניאן לייט האבען געארבייט — — 14
איינצעלנע פרייז סעטלמענטס — 40
קאמפליינטס פון א פארשידענארטיגען כאראקטער — — 234
שאפ קאנטראלס — — 486

צוזאמען — — 1107

ווי איהר זעהט איז עס א גאנץ פיינער צעטעל, וואס ווייזט אן אויף א וועלט מיט ארבייט.

ווען מיר געהען איבער דעם צעטעל פון די 67 „דיסטשארדזש קייסעס", שטעלט זיך ארויס, אז אין פ ו פ צ י ג פעלע פון דיזע 67 קייסעס זיינען די ארבייטער ר ע א י נ ס ט י י ט ע ט געווארען. דאס הייסט, בלויז אין 17 פעלע פון דעם גאנצען צעטעל האבען די אפגעזאגטע ארבייטער נים באקומען צוריק זייערע פלעצער צו דער ארבייט, וואס דאס איז א זעהר קלייגער פראצענט. אין אנדערע ווערטער, אין 50 פעלע פון 67 האבען די אפגעזאגטע ארבייטער, דורך דער מאכט פון דער יוניאן, געמוזט צוריקגעשטעלט ווערען צו דער ארבייט. פארגעסט נישט, אז דאס איז בלויז אין א משך פון 4 וואכען צייט און בלויז אין א י י ן דיסטריקט אפיס פון דער קלאוקמאכער יוניאן.

איבערקוקענדיג דעם רעפארט פון בר. מעטץ ווענען די 17 פעלע, וואו די אפגעזאגטע ארבייטער האבען זייערע פלעצער נים געקאנט צוריק קריגען, ווערט די זאך נאך שטארקער. עס ווייזט זיך, נעמליך ארויס, דאס עס איז ווירקליך אין יענע פעלע נים געווען קיין שום גרונט, לויט דעם אגרימענט צווישען די יוניאן און דער אסאסיאיישאן, דאס יענע ארבייטער זאלען זיין אויף אירגענד וועלכען אופן ב א ר ע כ ט י ג ט זייערע פלעצער צוריקצוקריגען.

אט זיינען א פאר פאקטען:

ביי דער פירמע גאלדבלאט און קא., למשל, האט דער אפגעזאגטער עקזאמינער נים געקאנט רעאינסטייטעט ווערען, ווייל ער האט אין דעם שאפ געארבייט ו ו ע נ י ג ע ר ווי איין וואך צייט, ווען דאס מיינט אז זיין ארבייטען דארט איז געווען נים מעהר ווי א פראבע זאך.

אין א צווייטען פאל, ביי דער פירמע איידזיסאן און משערקעס, איז דער אפגעזאגטער אפערייטאר נים ערשינען צום „טרייעל" ווען זיין קייס איז אויפגענומען געווארען, און אהן דעם קלעגער האט מען געמוזט לאזען פאלען די קייס.

אין א דריטען פאל, ביי דער פירמע ליכטמאן און בלאק, האט דער אפגעזאגטער ארבייטער נים געקאנט צוריק קריגען דעם פלאץ, ווייל עס האט זיך ארויסגעוויזען, דאס דיזער פרעסער איז אין שאפ נים געקומען ארום פיער וואכען צייט; דאס די פירמע האט איהם דורך דער צייט געשריבען ער זאל קומען צו דער ארבייט און ער האט זיך נים אפגערופען.

און פון אזא אדער עהנליכען כאראקטער זיינען דיזע אלע פעלע, וואו די ארבייטער האבען נים געקאנט „רעאינסטייטעט" ווערען. דאס באווייזט, אז דארט וואו עס איז נאר געווען אפילו דער מינדעסטער שאנס דער ארבייטער זאל צוריק קריגען זיין פלאץ, אז דארט וואו עס איז נאר געווען צו נעמען א שטעלונג אום צו באווייזען, אז לויט יושר קומט דעם ארבייטער ער זאל זיין פלאץ צוריק קריגען, איז דאס געטאן געווארען, און יענע ארבייטער זיינען רעאינסטייטעט געווארען. דאס איז ווירקליך א כבוד פאר דעם אפיס. פאר אזא טיכטיגער יוניאן ארבייט קומט איהם פיעל קרעדיט.

ווי טיכטיג עס ווערט געארבייט אין ברודער מעטץ'ס אפיס קאן מען אויך זעהן פון דער לאנגער ליסט פון קאלעקשאנס פון ווידזשעס און בעק פעיס. אט איז דער ליסט:

קאלעקטירט פון:

קאמינסקי און מאראשניק, 40 איסט, 12טע סט. — — — 57.34
קאמינסקי, 89 דיוויזשאן סט. — 29.59
ליכטענטהאל, 146 גרין סט. — 3.50
דזש. קליין, 107 דיוויזשאן סט. 75.00
נאוויא קלאוק קא., 60 יוניווערסיטי פלייס — — — — 94.98
מיללער, 145 ריט סטריט — — 50.00
ס. מיללער, 28 דיוויזשאן סט. 51.81
ניומאן און סיגנעל, 747 בראדוויי — — — — — — 34.25
רייזמאן יאונג און פיקער, 42 איסט, 12טע סט. — — — 17.81
ליפקין, דווארקין און חדש, 54 איסט, 8טע סט. — — — 35.40
ספרבער, 36 א. 10טע סט. — 32.00
זובערמן, 132 בליקער סט. — 37.48
פ. און ס., 53 א. 6טע סט. — 2.90
סטרומף, 86 א. 10טע סט. — 33.00
סילבאוויטש און ניסנעוויטש, 39 וו. 4טע סט. — — — — 6.90
שערמאן קלאוק קא., 202 איסט 12טע סט. — — — — — 44.96
מ. ווינער, 256 גרין סט. — 37.50
גילבערט און ראזענבלאט, 122 איסט בראדוויי — — — 50.48
א. באקסט, 56 א. 11טע סט. 65.50
באסס און סאן, 29 א. 9טע סט. 49.74
אדמיריישאן קלאוק קא., 62 א. בראדוויי — — — — — — 83.55
אוזלענדער, 92 6טע עוו. — — 42.00
אמעריקאן מעיד, 39 וו. 8טע סט. 32.29
פרענק און אבלעקאן, 45 מאנטגאמרי סט. — — — — — 4.80
פרענק און שווארטץ, 34 איסט 10טע סט. — — — — — — 52.55
פוקס און סטעטשער, 125 וו. רידזש סטריט — — — — — 15.00
פריימאן און גאלדמאן, 55 וו. 8טע סט. — — — — — — 32.00
נ. א. און נ. מאנופעקטשורינג קא., 149 קאנאל סט. — — 30.33
נ. ל. און ד. קלאוק קא., 20 באנד סט. — — — — — 12.00
באוויא, 195 קריסטיע סט. — 30.00
דונעטץ און בראון, 28 איסט בראדוויי — — — — — — 106.72
עפישיענט קלאוק קא., 150 ספרינג סט. — — — — — 7.00
פרענטש סלאוק קא., 21 א. 8טע סטריט — — — — — — 2.72
גאלדמאן און פינקעלשטיין, 39 א. 9טע סט. — — — — — 13.29
גרינבערג און ראטה — — — 53.49
הימינג און קא., 63 א. 9טע סט. 28.60
העללער און קעלער, 35 6טע עוו. 23.17
לייפער בראס. 8 א. 8טע סט. 28.82
לעהרנער און קאלינג, 2 א. 17טע סטריט — — — — — — 35.50
סילווערסטיין און אמבראזינא, 54 א. 8טע סט. — — — — 7.25
שאפירא און קארוס, 40 איסט באדוויי — — — — — — 50.00
סטרומף, 86 א. 10טע סט. — 28.07
ס. וו., 51 א. 8טע סט. — — 2.85
יאנקעלאוויטש און שמולעוויטש, 257 גרין סט. — — — — 12.00
ברענער און בראדער, 24 וו. 30טע סט. — — — — — — 147.00
פאהרער און איידענבערג, 5 וו. 32טע סט. — — — — — 36.04
ל. הערמאן, 54 וו. 22טע סט. — 7.50
ל. פעפערקארן, 5 וו. 31טע סט 42.48
גאלדבערג און ורבין, 47 וו. 14טע סט. — — — — — 64.72
קישלאנסקי בראס., 12 וו. 17טע סטריט — — — — — — 310.81
סיגעל און סאן, 12 וו. 18טע סט. 8.00
דייווים און פעלצמאן, 48 וו. 21טע סט. — — — — — — 38.50
נווישניאק, 107 וו. 25טע סט. — 12.50
נאטהעלפער און שיף, 36 וו. 20טע סט. — — — — — 13.76
מייער הענסאן, 134 וו. 22טע סטריט — — — — — — — 15.00
ב. און ר. קלאוק קא., 8 וו. 19טע סטריט — — — — — — — 37.47
בלום און ראזענטהאל, 8 וו. 26טע סטריט — — — — — 50.00
ל. קאהען, 32 וו. 28טע סט. — 4.75
פאהרער און איידענבערג, 147 וו. 22טע סט. — — — — — 23.00
מאהלער בראס., 39 וו. 20טע סטריט — — — — — — 11.50
ה. מאידארף, 16 א. 17ט סט. 15.00
אסטער און טשעסעפסקי, 25 וו. 15טע סט. — — — — 11.54
וויינטרויב און וואלפסאן, 46 וו. 21טע סט. — — — — — 8.00
שווארטץ און פרידמאן, 13 וו. 17טע סט. — — — — — — 24.54
ספעשעלטי קלאוק קא., 26 וו. 25טע סט. — — — — — 12.50
סטייוועסענט קלאוק קא., 53 וו. 36טע סט — — — — — — 23.13
לייבאוויטש און מינסטער, 120 וו. 18טע סט. — — — — — 50.67
א. מרגליות, 12 וו. 19טע סט. 200.00
זאלצמאן און עפסטיין, 51 א. 19טע סט. — — — — — 15.50
פרעסבערג און מאנדעלבערג, 28 א. 22טע סט. — — — — — 44.00
עטקין בראס., 136 וו. 22טע סט. 10.50
מארקאוויטש און ווייסמאן, 35 וו. 20טע סט. — — — — — 1.34
בריקמאן, 34 וו. 22טע סט. — 13.66
באביטץ און קליין, 25 וו. 15טע סטריט — — — — — 10.00
דיימאנד פערענץ און שאצבערג, 40.75
קארפ און אלפער, 105 וו. 19טע סטריט — — — — — — 25.00
וואסער קלאוק קא., 38 וו. 21טע סטריט — — — — — — — 12.83
הארריס און ליוויי, 913 בראדוויי 18.00
רעגנבאון קלאוק קא., 43 וו. 24טע סט — — — — — — 2.87
ה. מאנדעל, 15 וו. 17טע סט. 7.87
ארענאף און בעלפארד, 130 וו. 7טע סט. — — — — — 25.50
עטינסאן און גאלדסטיין, 19 א. 17טע סט. — — — — — — 304.48
פריד, לעווין און מישקין — — 37.75
בלום און הערריס, 122 וו. 3טע סטריט — — — — — — — 4.05
בריקמאן — — — — — — — 9.66
ב. און ר. קלאוק קא., 8 וו. 19טע סט. — — — — — — 30.00
דזש. גראבסקי, 119 וו. 23טע סטריט — — — — — — — 32.00
ה. ל. פאט, 26 וו. 17טע סט. — 50.00
סינעל און סאן, 12 וו. 18טע סט. 60.00
נאטהאן שער, 24 וו. 30טע סט. 50.00
ר. ספערלינג, 13 א. 17טע סט. 296.77
ע. סטאפער, 12 א. 33טע סט. 32.00
פריידענפאל און נאועץ, 6 וו. 18טע סט. — — — — — — 35.50
פריש, 40 וו. 15 סט. — — — — 50.59
ארינינאל קלאוק קא. — — — 7.50
אייזמאן און בערענסטיין, 58 וו. 15טע סט. — — — — — — 67.27
היימאן און שעכטער, 54 וו.) 17טע סט. — — — — — — 3.81

טאטאל: 4012.24

* * *

ברודער פריזאמט'ס רעפארט פון דעם סקירט און דרעס דעפארטמענט איז א קורצערער. ערשטענס, איז ער בלויז פאר א משך פון צוויי וואכען צייט, צווייטענס איז דער דיסטריקט א סך א קלענערער. מען קאן אבער זעהן פון דעם רעפארט אז פראפארציאנעל ווערט די ארבייט אין דעם אפיס געטאן מיט דערזעלבינער געטריישאפט און איבערגעבענהייט צו דער ארבייטער זאך, ווי אין די אנדערע דיסטריקט אפיסעס פון'ם דזשאינט באארד.

ווי דער רעפארט ווייזט, איז אין דעם אפיס אין די צוויי וואכען ביז דעם 15טען יאנואר אטענדעט געווארען 111 פארשידענע קאמפליינטס און עס זיינען געמאכט געווארען 189 שאפ-קאנטראלס. צוזאמען, אלזא, 300.

א היבשער טייל פון דעם רעפארט איז פארנומען מיט דער איצטיגער הויפט פראגע פון טאג אין דער קלאוקמאכער יוניאן, — ווענען העכערען די שכירות פון די ארבייטער. די שעפער וואס שטעהען אונטער דעם קאנטראל פון דעם אפיס זיינען דאס רוב אינדעפענדענט שעפער און די ארבייטער פון די שעפער זיינען נים מחויב געווען צו ווארטען ביז די יוניאן וועט קומען צו א פארגלייך ווענען דער פראגע מיט די מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאנס. די ארבייטער פון כמעט יעדען שאפ באזונדער, אונטער'ן קאנטראל פון סקירט און דרעס דעפארטמענט האבען געפאדערט א העכערונג אין שכירות און גאר פיעלע שעפער האבען זיי שוין דאס באקומען. פיעלע, פיעלע ארבייטער אין די סקירט שעפער האבען באקומען א העכערונג פון פיער ביז פינף דאלאר א וואך. און אט איז א לאנגער צעטעל מיט די נעמען און אדרעסען פון די פירמען, וואו די שכירות זיינען געהעכערט געווארען, פארשטעהט זיך, מיט דער הילף און טעטיגקייט פון דעם אפיס.

גארבער און וואלף, 118 וו. 22טע סט.
יעלין בראדערס, 7-9 וו. 18טע סט.
דזשעס שולמאן, 44 א. 32טע סט.
א. איזראעל, 26 וו. 17טע סט.
פ. וויינריב און קא. 4 וו. 22טע סט.
עליסים סקירט קא., 175 וואוסטער סטריט.
דזש. און ר. סקירט קא., 43 וו. 16טע סטריט.
בענדזשאמין סמיטה, 12 וו., 27טע סטריט.
סאוואי דרעס קא., 12 א. 32טע סט.
מאדאניק בראס., 30 וו. 31טע סט.
קומעריק סקירט קא., 48 וו. 25טע סטריט.
הערמאן ניומארק און קא., 37 א. 21טע סטריט.
בעל סקירט קא., 29 וו. 30טע סט.
יאהן באנוויט סקירט קא., 28 א. 27טע סטריט.
לוסטבערג און ליפשיטץ, 118 א. 27טע סטריט.
האלפערט בראדערס, 137 וו. 25טע סטריט.
קעסלער סקירט קא., 142 וו. 24טע סטריט.
סילווערמאן און שלעזינגער, 153 וו. 27טע סטריט.
לאטנער און מאטנער, 236 פינפטע עוועניו.
אסנעיר, 70 א. בראדוויי.
נאגנאוויטץ און בוירדס, 132 וו. 21טע סטריט.
לואיס שווארטץ, 22 וו. 21טע סט.
דזש. פ. דרעסס קא., 129 וו. 27טע סטריט.
ג. און ס. סקירט קא., 129 וו. 27טע סט.
א. דזש. קריסטאל, 137 וו. 27טע סט.
ליפמאן בראס., 10-12 וו. 22טע סט.
ב. נעקריטץ, 4 וו. 22טע סט.
לוסיל דרעס קא., 55-61 וו. 17טע סט.
נעווירצמאן דרעס קא., 107 וו. 28טע סטריט.
בענדזשאמין שלאס און סטראוס, 302 — 5טע עוועניו.
ד. וועיל סקירט קא., 7 וו. 30טע סט.
שווארצבערג און שאנדער, 279 עוועניו „בי".
מוטשניק און טרעגער, 1 א. 27טע סטריט.
לואיס בוכהאלץ, 122 יוניווערסיטי פלייס.
י. קאשדאן, 146 וו. 23טע סט.
סיגנעל און מאזעס, 21 א. 8טע סט.
סיגנעל און יעללין, 7 וו. 18טע סט.
ס. טעלער, 40 א. 13טע סט.
עהרליך, 30 א. 12טע ס.
סאפירסטיין, 43 סעקאנד עוו.
סימאן גארעליק, 406 — 6טע סט.
לואיס אבראמאוויטץ, 296 א. 3טע סטריט.
ב. שאולדער, 43 סעקאנד עוועניו.
ב. בלומענפעלד, 176 — 6טע עוו.
קרינסקי און מיללער, 162 וו. 19טע סטריט.
עסטרייך בראדערס, 43 סעקאנד עוו.
אפעלמאן, 39 א. 9טע סט.
סטערען, 51 פייק סטריט.
האדין און וויעדער, 112 סטענטאן סטריט.
מאקס ראף, 35 גאערק סטריט.
סילווערמאן און פאלאק, 19 וו. 21טע סטריט.
אדלער און ספערלינג, 58 וו. 25טע סטריט.
לואיס בעק, 27 וו. 24טע סטריט.
שעהנהאוז און גאלדסטיין, 17 א. 12טע סטריט.
טשארנעס בראס., 4 פייק סטריט.
רעש און קאנטראוויטץ, 225 גרין סט.
ניו סיסטעם סקירט קאטערס, 86 א. 10טע סטריט.
וואלאך און האבער, 296 סטענטאן סטריט.
ד. שאוויטץ, 138 7טע עווניו.
ב. באומאן, 20 א. 9טע סט.
פעכטער און מעדאו, 181 לודלאוו סטריט.
פישביין און קליינמאן, 60 וו. 22טע סטריט.
ד. פלארין, 161 7טע עוועניו.
ניומאן בראס., 100 א. 11טע סט.
דיוואק און גרינבערג, 36 עלדרידזש סטריט.
גראס, 53 פיט סטריט.
סעיגלער, 239 וו. 27טע סט.

(שלוס אויף זייט 15)

עקזאמינערס, באגראדערס, בושלערס

מעמבערס פון לאקאל 82 א. ל. ג. וו. י.

אויפמערקזאם!

די וועכענטליכע דיוס איז פון ערשטען פעברואר, 1920, געהעכערט געווארען אויף 35 סענט א וואך.

דיוס קען יעצט געצאהלט ווערען אין אלע ברענטש אפיסעס פון דזשאינט באארד (דיוס דעפארטמענטס) און אין אונזער לאקאל־האום־אפיס, 78 איסט 10טע סט., 2טען פלאר.

די שאפ־טשערלייטע אזוי גוט ווי אונזערע מעמבערס זיינען געבעטען צו נעהמען עס אין אכט.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 28

מ. י. אשפיז, מענעדזשער. ל. ראזענבלאט, סעק.

לינקאלן בוירטדעי איוו.

יעהרליכער — זעקסטער

פולל דרעס און סוויס באלל

פון די

באנאז סיננער הענד־עמבראידערי יוניאן

לאקאל 66 א. ל. ג. וו. י.

ווערט געגעבען ווערען

מיטוואך אווענט, דעם 11טען פעברואר,

אין סטייוועסאנט קאסינא, 140-2 צווייטע עוועניו

מוזיק ביי פראפעסאר שילער'ס דאבל ארקעסטער.

טיקעטס פאר דזשענטלמען און ליידי 50 סענט.

צו באקומען אין אפיס פון דער יוניאן, 220 איסט 14טע סט.

ענדע פון מלחמה

ברענגט גליק פאר דער וועלט

מארמאלאקס

די געשמאקע פרוכט קענדי אבפיהר מי־טעל האט געמוזט פיר דער צייט פון מלחמה אראפ פ'ן מארקעט, ווייל דער טייערער מעדיצינישער שטאף וואס קומט אריין אין מארמאלאקס איז געגצליך פארברויכט געווארען אין די מלחמה האספיטעלער. יעצט די ענדע פון מלחמה וועלכע האט געבראכט נייע גוטע צייטען, האט אויך צוריק גע־בראכט די גרויסע רפואה פיר אלע מא־גען ליידענדע, „מארמאלאקס", די פרוכט־קענדי אבפיהר מיטעל וואס איז געשמאקער פון די טייערסטע קענדי און רייניגט אב דעם מאגען אין א פאר שטונדען לייכט און אנגענעהם.

ליידעט ניט אומ'ן מאגען און האלט די מאגענדלער פון אייערע קינדער אין ריינעם און געזונטען צושטאנד. א באקסעל מארמאלאקס אין הויז איז א פארזיכערונג פיר א געזונטען מאגען און ווערט פארהיטען פון אלע מאגען קראנקהייטען.

10, 25 און 50ס א באקס.

אין אלע גוטע דראג סטארס אדער מיט פאסט.

MARMALAX COMPANY, NEW YORK

דיזע ציימונג

ווי אויך פיעלע אנדערע אידישע און ענג־לישע צייטונגען, ביכער און זשורנאלען ווערען געדרוקט אין די

אפ־טו־דייט פרינטינג קא.

195 קאנאל סט. ניו יארק

טעלעפאן 5425 ארטשארד. [?]

A. DELBON

פיקסט און שארפט שערס.

484־90 6טע עוועניו, ניו יארק.

צווישען 29טע און 30טע סטריט.

די יוניאן־קאאפעראטיוו סאסייעטי

לאקאל 35 א. ל. ג. וו. יוניאן

פע־קיפט אויסשליסליך

ווייט לילי טהעע קאלאמביא טהעע צועסאטשני טשאי

י. קראוז

בעדזשעס און בענערס

פאר יוניאנס, סאסייעטיס און ס. פ. בר. סטריקטלי יוניאן ארבייט.

134 קלינטאן סטריט. ניו יארק

דאס נייע אידישע טעאטער

27טע סטריט און מעדיסאן עוועניו.

טעלעפאן מעדיסאן סקווער 579.

עמנואל רייכער, קונסט דירעקטאר.

לואיס שניצער, דזשענ. מענעדזשער.

פרייטאג אווענט, שבת און זונטאג מא־טינע און אווענט, דעם 6טען, 7טען און 8טען פעברואר

בראנקס עקספרעס

לאקאלע קאמעדיע

פון א ס י פ ד י מ א װ

רעזשיסירט פון אויטאר.

באזארגט זיך מיט בילעטען אין פאראויס.

פאר בענעפיטס זיך צו ווענדען צו דזש. טשערעש (י. חרש).

SECOND AVE. THEATRE

35 סעקאנד עוועניו.

יאזעף עדעלשטיין, דזשענ. מענ.

טעלעפאן, פארסייטה 1643.

טיקעטס 8 וואכען אין אדוואנס.

דער איינשטימיגער אורטייל פון איבער 50,000 מענשען, וועלכע האבען בייגע־וואוהנט די פארשטעלונג פון יאזעף רומשינסקי'ס לעצטע און שעהנ־סטע אפערעטע

דעם רבינ'ס נגון

גרעסטער ערפאלג! ערפאלג!

30 נומערען געזאנג.

פרייטאג אווענד, שבת און זונטאג מאטי־נע און אווענט, דעם 6טען, 7טען און 8טען פעברואר

יאזעף רומשינסקי'ס נייעסטע אפע־רעטע

דעם רבינ'ס נגון

ליברעטא פון ג. באדער

אויפגעפיהרט פון יאזעף רומשינסקי

סעמיועל ראזענשטיין, לודוויג זאץ, רע־גינא פראגער, ראזא קארפ. באריס ראזענ־טאל, מרס. סאבינא לאקסער, פעני לוב־ריצקי, היימי דזשייקאבסאן און יאקאב פרענק באטיילינען זיך אין דיזער אפע־רעטע, ווי אויך לואיס היימאן. ה' טשאר־לעס נאטאנסאן אלס „לייבעניו."

דעם רבינ'ס נגון איז 100 פראָ־צענט פערפעקט.

אין מוזיק, פערזאנאל, ארטיסטען, אויס־שטאטונג, רייכע קאסטיומען, שעהנסטער קאהר, שעהנע טענץ און באלעטען, וואונ־דער עפעקטען, גרויסער ארקעסטער, אין אלע הינזיכטען.

$10 ווערטה אמיוזמענט פאר 1 דאל.

אן עקסטרא גרויסער כאר און סימפא־ני ארקעסטער א־לא רומשינסקי.

חברות לאדזשען, סאסייעטיס, יוניאנס, ארבייטער רינג ברענטשעס, רעליעפס, ווי אויך פריוואט פערזאנען קענען זיך מעל־דען פאר בענעפיטס און טיקעטס אין אפיס פון טעאטער.

טעלעפאן גרעמערסי 2441

די לענארד פרעס

42 איסט 23טע סטריט, נ. י.

לעבען און טעטיגקייט אין די אפיסעס פון דזשאינט באארד

(שלוס פון זייט 12)

גאלדסטיין און גאלדסטיין, 208 א. 27טע סטריט.

גריסמאן, טשארלס. 100 וו. 13טע סטרים.

קופערמאן און קושקין, 352 6טע עוו.

רובין, ה. 59 א. 9טע סט.

סעם רובין, 144 5טע עוו.

דאס איז, ווי איהר זעהט, א גאנץ היבשער צעטעל און ברודער פריזאמט, ווי אויך די ביזנעס איידזשענטס פון דעם אפיס, האבען זיכער געדארפט נעגוג שווער ארבייטען ביז דער רעיז איז אין די אלע באזונדערע, איינצעלנע שעפער דורכ־געפיהרט געווארען. און מען דארף ניט פארגעסען אז דאס איז בלויז א טייל פון דער אלגעמיינער ארבייט אין דעם אפיס.

עס איז אין דעם רעפארט דא אייני־גע כאראקטעריסטישע קייסעס אויף וועל־כע מען וואלט זיך בעדארפט לענגער אפ־שטעלען. פאר היינט אבער, ערלויבט אונז ניט דער פלאץ, מיר וועלען דאס אפשר טאן ביי א צווייטער געלעגענהייט.

מיר וועלען פארענדיגען מיט דער ליסט פון „בעק פעי קאלעקשאנס" אין דעם אפיס אין די צוויי וואכען.

קאלעקטירט פון דער פירמע: —

קאהען און טשארא, 52 וו 21טע סט., פאר אן אפערייטאר — $52.81

האף און בעלינסקי, 802 א. 5טע סט., פאר אן אפערייטאר — $60.95

אבראמאוויטש, 5 א. 14טע סט. פאר ארבייטער — — — $32.25

ספרינגער, 22 יוניווערסיטי פל. פאר פינישערס — — — 6.11

עהרליך, 30 א. 12טע סט. פאר אפערייטארס — — — 34.08

טאטאל: $186.21

טאמאשעווסקי טעאטער

האוסטאן סט. און סעקאנד עוועניו

טעל. ארטשארד 2612.

הערי טאמאשעווסקי, סטיידזש מענ.

א נייע מוזיקעל קאמעדי אין טהאמאשעווסקי'ס טעאטער

לאכען, זינגען און טאנצען. מיר גא־ראנטירען 1000 לאך א מינוט.

19 נומערען געזאנג, מיט א סימפאני ארקעסטער פון 22 מאן

מיט א פראכטפאלער נייער אויס־שטאטונג.

פרייטאג אווענד, שבת און זונ־טאג מאטינע און אווענד, דעם 6טען, 7טען און 8טען פעברואר ווי אויך לינקאלן'ס בוירטהדעי, מאטינע און אווענר

ה' באריס טהאמאשעווסקי, ה' סעם קעסטין, רעגינא צוקער־בערג, קלמן יאוועליער און בעסי ווייסמאן

מאד. ווילענסקי, מאד. זיעבעל, בעלא פינקעל, ת. גרינבערג, ה' גילמאן, ה' מילער, ה' גאלד

צום ערשטען מאל אין דער נייער פרעה־ליכער מוזיקאלישער קאמעדיע

פארלאר־פלאר און בייסמענט

קאמעדיע אין 3 אקטען פון הערי טהא־מאשעווסקי, מוזיק פון מילטאן און הערי טהאמאשעווסקי, אראנזשירט פון דעם ארקעסטער פון ה' מייער פאוזנער אויס־לאנדאן, איינשטודירט פון אונזער חער־מאן וואהל. אויפגעפיהרט און אויסגע־שטאטעט פון ה' באריס טאמאשעווסקי

RAND SCHOOL OF SOCIAL SCIENCE

7 East 15th Street, New York City

SECOND TERM BEGINS IN FEBRUARY — 16 NEW COURSES

HISTORY OF THE WORKING CLASS MOVEMENT . . . LEE and TRACHTENBERG
Mondays and Wednesdays, 7.30 — Beings February 16

ADVANCED STUDIES IN SOCIALISM . . . DR. JOSEPH SLAVIT
Saturdays, 4 — Beings February 7

METHODS OF TEACHING IN SOCIALIST SCHOOLS . . . D. P. BERENBERG
Mondays, 7.30 — Begins Februray 9

ANCIENT SOCIETY . . . PROF. GOLDENWEISER
Tuesdays, 8.50 — Begins February 10

ELEMENTS OF CRIMINOLOGY . . . ROBERT FERRARI
Wednesdays, 8.50 — Begins February 18

OUTLINES OF COMPARATIVE GOVERNMENT . . . BENJAMIN GLASSBERG
Mondays, 8.50 — Beings February 16

INTERNATIONAL RELATIONS . . . DR. JOHN MEZ
Mondays, 8.50 — Begins Februray 9

RUSSIAN REVOLUTIONARY HISTORY . . . A. L. TRACHTENBERG
Fridays, 8.50 — Begins February 13

REVOLUTIONARY EPOCHS . . . BENJAMIN GLASSBERG
Thursdays, 7.30 — Begins February 19

PHILOSOPHY OF LITERATURE . . . GREGORY ZILBOORG
Saturdays, 8.15 — Beings February 7

MODERN SOCIOLOGICAL THEORY . . . GREGORY ZILBOORG
Fridays, 8.50 — Begins February 13

DYNAMIC SOCIOLOGY . . . SCOTT NEARING
Thursdays, 5.30 — Begins February 12

CONTROL OF PUBLIC OPINION . . . SCOTT NEARING
Fridays, 5.30 — Begins February 13

C A P I T A L I S M . . . SCOTT NEARING
Thursdays, 8.15 — Begins February 12

ART AND SOCIAL EVOLUTION, Stereopticon . . . EUGENE SCHOEN
Mondays, 8.50 — Begins Februray 9

THREE LECTURES ON POETRY . . . CLEMENT WOOD
Sunday Evenings, at 8.30 — Begins February 1

Courses repeated or continued in Current Labor Problems, Economics, Socialism, Natural Science, American Social History, Modern General History, English (all grades), Use of the Voice, Correction of Foreign Accent, Public Speaking.

Many of the old and new courses open to U. L. E. C. members. Send for fuller information. Come in and register at once.

RAND SCHOOL, 7 EAST 15th STREET, NEW YORK CITY.

וויכטיגע באקאנטמא־כונג!

די „נערעכטינקייט" ערשיינט איצט מיט א טאג פריהער ווי אמאל — מיר געהען צום פרעס מיטוואך אנשטאט דאנערשטאג.

אלע אונזערע ארטיקעל שרייבער, סעקרעטערע פון די לאקאלס און קארעספאנדענטען ווערען דעריבער אויפגעפאדערט צוצושיקען דעם מאטעריאל פריהער. מאנטאג איז דער שפעטסטער טאג וואס מיר קענען ארייננעהמען זאכען פאר'ן לויפענדען נומער.

ר ע ד א ק צ י ע.



אין סיראקיוז, נ. י. איז א מיטעל צו רומאטיזם אויסגעפונען געווארען, אויף וועלכען הונדערטע געברויכער זאגען אז עס איז א וואונדער, באריכטענדיג קייסעס וועלכע זיינען וואונדערבאר. בלויז איניגע טריטמענטס אפילו אין די ערגסטע קייסעס טהוען אויף וואונדער, זאגאר נאכדעם ווי אנדערע מיטלען האבען פארשטענדיג ניט געהאלפען. עס ווייזט אויס דאס עס באזייטיגט די יוריק עסיד און לאזט נישט דעפאזיטס אין די בלוט, אונעקטריבענדיג די גיפטיגע פארלייגענדע אבפאל פון דעם ארגאניזם, וועהטאג, שמערצען, שטייפקייט, געשווילעכץ, שמעלצען אוועק און פארשווינדען.

די טריטמענט, צוערשט אריינגעבראכט ביי מר. דעליינא, איז אזוי גוט דאס דער אויגענטימער וויל יעדען איינעם וואס ליידעט פון רומאטיזם אדער וועלכער האט א פריינד וואס איז קראנק, ער זאל קריגען פריי א 75 ס. פעקעדזש פון איהם צו איבערציינגען זיך וואס עס וועט טאן אין יעדע קעיס ביז א פעקי ווערט געספענדט אויף דעם. מר. דעליינא זאגט: „צו באווייזען דאס די דעליינא טריטמענט וועט פאזיטיוו ביקומען רומאטיזם, עס מאכט ניט אויס ווי שטארק, איינגעשפארט אדער פון לאנגען דויער און זאגאר נאכדעם ווי אנדערע מיטלען זיינען דורכגעפאלען, וועל איך, אויב איהר האט פריהער שוין ניט געברויכט דיזע טריטמענט, שיקען אייך א פול סייז 75 ס. פעקעדזש פריי, אויב איהר וועט שיקען אייער נאמען און אדרעס מיט 10 ס. צושטייער אוי תפאסטעדזש און עקספענסעס צו מיר פערזענליך".

F. H. DELANO,
1225-B Griffin Sq. Bldg.,
Syracuse, N. Y.

איך קען שיקען בלויז איין פרייען פעקעדזש צו אן אדרעס.

יאהרעספעסט פייערונג

פון דעם

בראנקס בראנטש ^{און} וועסטשעסטער יוניאן לאק. 25

דיזען זונטאג, 6 אוהר אבענד, דעם 8טען פעברואר, אין לאנדאן קאסינא, 3875 3טע עוועניו

גוטע רעדנער — א פיינער קאנצערט — אמוזאנטע טענץ

אלע זיינען הערצליך געלאדען. איינלאס קארטען צו באקומען אין בראנקס אפיס, 1258 באסטאן ראוד און אין אלע אפיסעס פון לאקאל 25. קומט און ברענגט מיט אייערע פריינד.

GERECHTIGKEIT (JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ״ז, 6).
אין מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט פער לאזען.

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועלכע מיר גלויבען זיך אונז צו זיין אונגערעכט".
וואודראו ווילסאן.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לידיעס גארמענט וואירקערס יוניאן

VOL. II. No. 7. New York, Friday, Feb. 13, 1920. פרייטאג, 13טען פעברואר, PRICE 3 CENTS

די וויסט און דרעס מאנופעקטשורערס אסס'ן איז נאך אלץ איינגע'עקשנ'ט

די וויסט און דרעסמאכער יוניאן, לאקאל 25 רופט א מאססמיטינג אין קופער יוניאן, דעם מאנטאג אווענד, דעם 16טען פעברואר.

די לאגע אין דער וויסט און דרעס אינדוסטריע פון ניו יארק איז נאך אלץ אזוי אומבאשטימט, ווי אין די לעצטע עטליכע וואכען. די וויסט און דרעס אסס'ן, וויל זיך נאך אלץ ניט רעכענען מיט'ן פאקט וואס די צווייטע אסאסיאיישאן אין דער אינדוסטריע, די דרעס און וויסט אסאסיאיישאן האט נאכגעגעבען די פאדערונגען פון דער יוניאן, און געהעכערט די שכירות פון די ארבייטער אין זייערע שעפער, ווי דאס איז שוין געווען באריכטעט לעצטע וואך אין די „גערעכטיגקייט". און דאס זעלבע איז אויך פארגעקומען אין די אינדעפענדענט שעפער אין דעם טרייד.

עס איז זעלבסטפארשטענדליך, אז די שטעלונג פון דיזער אסס'ן איז, מילד גערעדט, א זעהר שלעכטע און א שעדליכע, דאס איז פונקט אזוי שעדליך פאר דיזע באסעס אין טרייד, ווי פאר די ארבייטער וואס זיי באשעפטיגען. דאס מוז אריינברענגען א גאנץ אומגעזונטען צושטאנד אין דער גאנצער אינדוסטריע. דאס מוז ארויסרופען א געוואלדיגע אומרוהיגקייט און אומצופרידענהייט צווישען די ארבייטער אין די וויסט שעפער, וואס וועט פיהרען צו שלעכטע רעזולטאטען. זיינען די מאנופעקטשורער פון דער וויסט און דרעס אסס'ן ווירקליך אזוי נאריש, זיך איינצושמועסען, אז די ארבייטער פון זייערע שעפער וועלען זיין צופריעדען צו ארבייטען פאר א קלענערען פרייז, ווי די ארבייטער באקומען אין די שעפער פון דער אנדערער אסאסיאיישאן, און פון די אינדעפענדענט שעפער? דיזע באסעס פרעטענדירען דאך צו זיין פראקטישע מענשען, טו ווי קאנען זיי זיך נאר איינרעדען אזא זאך? ווי קאן נאר אזא לאגע אנהאלטען?

עס איז קלאר ווי דער טאג, אז דיזע באסעס וועלען מוזען קומען צו זייער בא־זינונג, און וואס גיכער דעסטא בעסער פאר דער גאנצער אינדוסטריע.

די וויסט און דרעסמאכער יוניאן, לאקאל 25 רופט א מאססמיטינג דעם מאנטאג אווענט דעם 16טען פעברואר, אין קופער יוניאן, 8טע סטריט און 3טע עוועניו. אויף דעם מיטינג וועט די קאנפערענץ קאמיטע פון דער יוניאן אפגעבען א פולען באריכט צו די מיטגלידער, פון די אלע פארהאנדלונגען ביי די קאנפערענצען. עס וועלען דארט אויך באשפראכען ווערען נאך אנדערע פראגען, פון גרויס וויכטיגקייט אין טרייד.

די פאלגענדע באוואוסטע רעדנער וועלען דעם מיטינג אדרעסירען:

אב. באראף, סעק.-טרעזשורער פון דער אינטערנעשאנאל; מאררים זיגמאן, דזשענעראל מענעדזשער פון דער קלאוק מאכער יוניאן; דזשאדזש דזשייקאב פענקין; עקס קאנגרעסמאן מאיר לאנדאן; ש. יאנאווסקי, רעדאקטאר פון די „גערעכטיגקייט" און אלדערמאן וולאדעק.

פון דער וויסטמאכער יוניאן וועלען רעדען די ברידער רייזבערג, הארוויץ און אנטאניני. דער לעצטער וועט רעדען אין איטאליעניש. פון דער קאטערס יוניאן לאקאל 10 וועט רעדען ברודער איזראעל לעווין, דער מענעדזשער פון דער קאטערס יוניאן.

דער טשערמאן פון מיטינג וועט זיין ברודער ה. סילווערמאן.

זאלען די מיטגליעדער קומען צו דעם מיטינג אין גרויסע מאסען.

די משיעה קלוירקס פון ביידע צדדים קומען צו א פארשטענדניס.

אין'ם טייל פון דרעס און וויסט טרייד, וואס די יוניאן איז שוין געקומען מיט די מאנופעקטשורערס צו אן אויסגלייך וועגען א רעיז אין ווייזשעס, זיינען פאראן א געוויסע צאהל שעפער, וואו די ארבייטער ווערען באשעפטיגט פון וואך און ביי דעם אלגעמיינעם סעטעלמענט זיינען יענע שעפער איבערגעגעבען געווארען צו די משיעה קלוירקס פון דער יוניאן און דער דרעס מאנופעקטשורעס אסס'ן פאר אן אדזשאסטמענט פון די סקיילס און ווייזשעס אין יענע שעפער.

ווי מען לאזט אונז וויסען, זיינען די משיעה קלוירקס פון ביידע צדדים געקומען צום פאלגענדען פארגלייך: די ארבייטער וואס האבען באקומען 35 דאלאר א וואך און מעהר, זאלען שוין באקומען א העכערונג פון פינף דאלאר א וואך, און שפעטער־צו וועלען זיי באקומען מעהר. די ארבייטער וואס האבען ביז איצט באקומען ווייניגער פון 35 דאלאר א וואך, זאלען גלייך באקומען 35 דאלאר און שפעטערצו וועלען זיי באקומען מעהר.

מיר ווילען דא פאריכטען א דרוקפעהלער פון לעצטער וואך: אין די נייעס וועגען דעם רייז אין די דרעס און וויסט שעפער איז געווען געדרוקט, אז די פרעסער האבען באקומען 3 דאלאר א רייז, ווערענד זיי האבען באקומען 5 דאלאר.

די סטרייקס פון די פעטיקאוט און די הויז־דרעס ארבייטער אין פולען גאנג

סעקרעטער באראף שיקט א פראטעסט צום פאליס קאמישאנער פאר די הריגות אויף סטרייקער. — דער פאליס קאמישאנער ארדערט אן אונטערזוכונג. — דער סטרייק שטעהט אויסגעצייכענט. — אונזער אינטערנעשאנאל טוט אלעס מעגליכקעס צו ברענגען די סטרייקס צו א זיעגרייכען ענד.

די 2 דזשענעראל סטרייקס אונזערע אין ניו יארק, פון די פעטיקאוט מאכער יוניאן, לאקאל 46, און פון דער הויז־דרעס און בעטה־ראב מייקערס יוניאן, לאקאל 41, שטעהען אויסגעצייכענט. די ארבייטער האלטען זיך בראוו און זיינען ענטשלאסען צו קעמפען ביז צו א זיעגרייכען ענד. די ארבייטער פון דיזע טריידס, די סטרייקער, ווייסען גאנץ גוט, אז זייער צוקונפט העננט אפ פון די סטרייקס און זיי קעמפען מוטיג.

עס איז איבעריג צו זאגען, דאס דיזע סטרייקס זיינען אונטער'ן אויפזיכט פון אונזער דזשענעראל אפיס, און דאס קיין מיה ווערט נישט געשפארט די סטרייקס צו דערפיהרען צו א זיעגרייכען ענד.

פיעלע פיקעטס ארום די שעפער, ווי אויך די פיקעטס פון דער פירמע מילגרים בראדערס, האבען זיך באקלאגט אז זיי ווערען פארפאלגט פון דער פאליציי, דאס זיי ווערען געטריבען און מערדערליך געשלאגען, און סעקרעטער באראף האט ארייננעשיקט וועגען דעם א פראטעסט צום פאליס קאמישאנער. דער פאליס־קאמישאנער האט ענדליך געארדענט אן אונטערזוכונג וועגען דער אנגעלעגענהייט און עס איז מעגליך אז דורך דער אונטערזוכונג זאל זיך ארויסווייזען, וואס'ארא ראלע עס שפיעלט ביי די הריגות אויף סטרייקער דער איסט־סיידער דזשאדזש אהראן דזשיי ליווי, וועלכער, זיצענדיג אויף א ריכטער שטול איז אין דערזעלבער צייט אויך אן אנטי־סטרייק ליערער ביי די ליידיס טיילארס באסעס.

אין אלגעמיין, ווי שוין באמערקט, שטעהען די סטרייקס אויסגעצייכענט. די שעפער ווערען גענפיקעט טראץ די ברוטאליטעט פון דער פאליציי. מיטינגען ווערען אפגעהאלטען אין די האלס וואו די סטרייקער און זיי זיינען גאנץ מוטיג און ענטשלאסען, פונקט ווי דעם ערשטען טאג פון סטרייק.

דער סעטעלמענט אין דער ווהייט גודס אינדוסטריע אין ניו יארק

ווי אונזערע לעזער ווייסען שוין, איז אויך אין דער וויים־גודס אינדוסטריע פון ניו יארק פארגעקומען א סכסוך, צווישען אונזער לאקאל 62 און דער קאטען גארמענטס מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן. דער סכסוך האט זיך געצויגען פאר וואכען און וואכען, טיילוויז צוליעב דעם, וואס דער איצטיגער מענעדזשער פון דער ווייט־גודס ווארקערס יוניאן, לאקאל 62, איז פלוצלונג קראנק געווארען און די פארהאנדלונגען מיט דער אסאסיאיישאן האבען געמוזט אפגעלעגט ווערען.

מיט א פאר וואכען צוריק, האט אונזער דזשענעראל אפיס באשטימט וויים־פרעזידענט לעפקאוויטש אלס עקטינג משיעה קלוירק פאר לאקאל 62, און ער האט זיך גלייך גענומען צו דער ארבייט.

צוזאמען מיט א קאמיטע פון דער יוניאן האט ער אפגעהאלטען איינינגע קאנפערענצען מיט דער קאטען גארמענטס אסאסיאיישאן, און ביידע צדדים זיינען שליסליך געקומען צו אן אויסגלייך.

אלע ארבייטער אין דעם טרייד האבען באקומען א העכערונג אין שכירות. די קאטערס פון דעם טרייד האבען באקומען א העכערונג פון 4 דאלאר א וואך, און אלע אנדערע וואך־ארבייטער צו 2 דאלאר א וואך שוין און נאך א דאלאר זאלען זיי באקומען פון דעם קומענדען 1טען ספטעמבער. די שטיק־ארבייטער באקומען א העכערונג אויפ'ן „בייסיק רייט", 10 פראצענט שוין, און נאך 5 פראצענט דעם קומענד'ן 1טען סעפטעמבער. דער אגרימענט צווישען דער יוניאן און דער אסאסיאיישאן בלייבט אין קראפט ביז דעם 24טען מערץ, לויט ווי עס איז נאך פון פריהער באשטימט געווארען, אבער די העכערונג פון שכירות נעהם גיין אין קראפט, דעם 9טען פעברואר, 1920.

לעצטע וואך האט די יוניאן אפגעהאלטען א גוט־באזוכטען מעמבער מיטינג אין „פארווערטס" האל, וואו דער סעטעלמענט איז פארגעלעגט געווארען פאר די מיטגליעדער, און זיי האבען דעם סעטעלמענט גוטגעהייסען. אויף דעם מיטינג, וועלכער איז אדרעסירט געווארען פון ברודער לעפקאוויטש, האבען די מיטגליעדער פון דעם לאקאל איהם ארויסגע־

(שלוס אויף זייט 16)

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 7

זייט 2. די וואך — נ. שאווירא.
זייט 3. ביים גאווערנאר און נאכדעם — דזש. העללער. די באנאנז עמבראידערערס באקומען א רייז — אסיפ ווארלינסקי.
זייט 4. די שטיק־שניידער און סעטעלמאכער יוניאן לאקאל 3 — ד. רובין. אלערליי אין דער ריינקאוט־מאכער יוניאן לאקאל 7 — פ. מאנסאן.
זייט 5. פילאדעלפיער אפטיילונג — א. נירבאוער. עקזאמינערס און באגראדערס יוניאן לאקאל 82 — מ. י. אשפיז.
זייט 6. די געפייניגטע (ערצעהלונג) — העלל קעניג. מיטינג פון דזשאינט באארד — ל. לאנגער.
זייט 7. עקזעקוטיוו באארד מיטינג לאקאל 25 — י. שעהנהאלץ. א גרינער פאל ליעבע — פאלינא וואלמי.
זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל.
זייט 9. דריי מאנאטען אויפטו פון דער א. ל. ג. וו. י. — אב. באראף. ווינטער נגונים — א. ראהעצקי.
זייט 10. דער אינטערנאציאנאלער קריזיס — דזשוליעט סטוארט פאינטז. דער פאפסט שרעקט זיך — דער לעבעריכער.
זייט 11. דער באזיס פון אונזער עדיוקעישאנאל ארבייט — דר. לואיס פרידלאנדער. מאקס ליפס טויט — אב. ראטקאווסקי.
זייט 12. אויפ'ן פאסיפיק קאוסט — מאל. זיידמאן. קורצע שמועסען.
זייטען 13, 14 און 15. אדוקעישאנאל דעפארטמענט. דער סטרייק פון די ליידיס טיילארס. דער יוניאן דענטאל אפיס פאר דעם יאהר 1919 — דר. לואיס סאראנ.

פרעזידענט שלעזינגער ניט די אידישע ארבייטער אין וויען 25 טויזענד קראנען פאר ארגאניזאציאנס ארבייט

דער ספעציעלער קארעספאנדענט פון „פארווערטס" אין וויען, דר. עטקינזאן, האט לעצטע וואך צוגעשיקט א טעלעגראמע צום „פארווערטס", וועגען פרעזידענט שלעזינגער'ס טעטיגקייט אין וויען, עסטרייך, וועלכע לעזט זיך ווי פאלגט:

„וויען, פעברואר 3. —

בענדזשאמין שלעזינגער האט דא אדרעסירט א גרויסען מאססמיטינג און ער איז איבערגענומען געווארען מיט גרויס באגייסטערונג. ער האט איבערגעלאזען 25 טויזענד קראנען צו העלפען ארגאניזירען די היגע ניט־ארגאניזירטע אידישע ארבייטער, כדי זיי זאלען זיך אנשליסען אן דער עסטרייכישער ארבייטער באוועגונג. שלעזינגער האט געהאט א געשפרעך מיט אטא באוער און פרעדריק אדלער, און מיט אנדערע סאציאליסטישע פיהרער.

איצט איז שלעזינגער אפגעפאהרען קיין גלאזגאו און לאנדאן.

ווען מען האט שלעזינגער'ן געפרעגט וואס פאר אן איינדרוק עס האבען אויף איהם געמאכט די וויענער אידישע ארבייטער, האט ער געענטפערט: דער הונגער ליענט ביי זיי אויף די פנים'ער. זיי האבען שוין א היבשע צייט ניט געהאט קיין ריכטיגען מאהלצייט."

אינטערנעשאָנאַל עדיוקיישאַ-נאַל דעפּאַרטמענט

מיר מאַכען אויפמערקזאם אונזערע מיטגלידער, דאָס דיזען פּלאַן, וואָס מיר האָבען ביז איצט יעדע וואָך פאַרנומען אין די „גערעכטיגקייט", מיט די וועכענט-ליכע בולעטין'ס, וועט ווייטער באַנוצט ווערען אויף אַנאַנדער אופן, טאָקע פון זעלבען דעפּאַרטמענט. מיר ראַטען דאַרי-בער, די מיטגלידער זיי זאָלען ווייטער נאָכדענקען — די קורסען און לעקטשורס וואָס ווערען געגעבען יעדע וואָך אין אַלע אונזערע יוניטי סענטערס.

אָט זיינען די געגענשטענדע איבער וועלכע עס ווערען אין די יוניטי סענטערס געגעבען לעקטשורס יעדע וואָך:

עקאָנאָמיקס, די אַרבייטער באַוועגונג, ליטעראַטור, מוזיק, און איבער גע-זונד פראַגען. אַ חוץ דיזע לעקטשורס ווערט דאָרט דריי מאָל אַ וואָך געלערנט ענגליש, יעדען מאָנטאַג, דינסטאָג און מיטוואָך אָוונד. דער היי סקול קלאַס ווערט געגעבען דאָנערשטאָג אָבענד. אוי-סער דעם איז אויך דאָ גימנאַסטיק איבונ-גען און געזעלשאַפטליכע אונטערהאַל-טונגען.

אונזערע מיטגלידער וועלען געוויס אויך געדענקען די קורסען פון אונזער אוניווערסיטעט, וועלכע ווערען געגעבען יעדען דאָנערשטאָג אָבענד, אין דער וואַ-שינגטאָן אירווינג היי סקול, רום 637. פּראָפעסאָר וואָלמאַן לעקטשורט דאָרט איבער „אַרבייט און מענעדזשמענט". קיין מיטגליעד אונזערער, וואָס וויל עפּעס לערנען, דאַרף ניט פאַרפעהלען דיזע לעק-טשורס.

אויסער די לעקטשורס מעגט איהר אויך האָבען אין זינען אונזערע קורסען פון שבת און זונטאָג, וואָס ווערען געגע-בען ווי פאָלגט:

שבת 2 אַ זייגער בייטאָג: די סאָ-ציאַלע טענדענץ אין דער מאָדערנער לי-טעראַטור, — ביי דזש. ר. סטאַלפּער.

שבת, 3 אוהר בייטאָג; עקאָנאָמיקס פון'ם אינדוסטריעלען סיסטעם, — פּראָפ. לעאָן אַרדזרוני.

זונטאָג, 10 אַ זייגער אין דער פריה; פּראַקטישע פּסיכאָלאָגיע — דר. סעמועל אַ. טאַנענבוים.

זונטאָג, 11 אוהר; „פּאַבליק ספּיקינג" און פאַרבעסערונג פון אויסשפּראַך, — נוסטאַוו פ. שולמיז.

עס איז די פליכט פון אונזערע מיט-גלידער צו באַזוכען די קלאַסען אין די יוניטי סענטערס. די יעניגע וואָס דאַר-פען אַ העכערע בילדונג זאָלען באַזוכען די קלאַסען פון אונזער אַרבייטער אוניווער-זיטעט. איהר וועט זיכער פיעל לערנען, וועלכע קלאַסען איהר וועט אַטענדען. די יעניגע וואָס קאָנען ניט אַטענדען אין קלאַסען אין די יוניטי סענטערס, קאָנען זיך אויסקלייבען אירגענד וועלכען קלאַס זיי ווילען. אלעס וואָס זיי דאַרפען טאָן, איז קומען אין איינעם פון די סענטערס און זיך איינשרייבען. זיי קאָנען זיך אויך מעלדען דירעקט אין אונזער עדיוקיישאַ-נאַל דעפּאַרטמענט, 31 יוניאָן סקוועער, איפ'ן 10טען פלאָר.

סטודענטען פון אַרדזרונים קורסען!

מיר האָבען באַקומען קלעי'ס בוך „עקאָנאָמיקס פאַר'ן אַלגעמיינעם לעזער", וועלכער ווערט רעקאָמענדירט צו לעזען פון פּראָפ. אַרדזרוני. דער רעגולער פּרייז פון דעם בוך איז 2.10 דאָל. מיר פאַר-קויפען איהם אין האָלסייל פּרייז פאַר 1.65 ד. דעם בוך קאָנט איהר באַקומען שבת ביי די קורסען אין דער וואַשינגטאָן אירווינג היי סקול, און די גאַנצע וואָך אין אָפיס פון אונזער עדיוקיישאָנאַל דע-פּאַרטמענט.

קלאָוק פינישערס, אויפמערקזאם!

דער לעקטשור קורס אין אידיש אי-בער דער אַרבייטער באַוועגונג, פון מאַקס לעווין, וועט פאָרטגעזעצט ווערען שבת נאָכמיטאָג אין אָפיס פון לאָקאַל 9 — 228, צווייטע עוועניו. קומט אין צייט.

לעזט אַלע וואָך דיזע אָפּטיילונג. איהר וועט דאָ אימער געפינען אינטערעסאַנטע באַקאַנטמאַכונ-גען, וועלכע איהר דאַרפט וויסען.

אין ווייסטמאַכער יוניטי סענ-טער.

אַ חוץ די געוועהנליכע קלאַסען אין דעם סענטער, פּאַבליק סקול 40, — 320 איסט 20טע סט. האָבען די באַזוכער באַ-קומען אַ באַזונדערען „טריט". די קאָנ-צערט - לעקטשורס פון מיס באָוער, פרייטאָג אָבענד. באַזונדערס האָט אויסגענו-מען דער לעקטשור פון לעצטען פרייטאָג, מיט מיס קלאַראַ גאָרדאָן ביי דער פּיאַנאָ. מען מעג זאָגען מיט באַשטימטקייט, דאָס די באַזוכער האָבען געהאַט אַן את'ן גייסטיגען גענוס.

אין דעם סענטער וועט מיס באָוער געבען בלויז נאָך איין לעקטשור קאָנצערט, דעם פרייטאָג אָוונט. זי וועט אַנאַליזירען די מוזיק וואָס וועט געשפּילט ווערען צו אונזער סימפאָניע קאָנצערט, שבת אָבענד, דעם 7טען פעברואַר, אין דער סטייוועסענט היי סקול, 15טע סט. און 2טע עוו. פון דעם באַוואוסטען „ניו יאָרק סימפאָניע אָרקעסטער". אַ טיקעט קאָסט בלויז 25 סענט. זאָלען וואָס מעהר מיט-גלידער זיך באַנוצען מיט דער געלעגענ-הייט צו הערען די בעסטע קלאַסישע מו-זיק, פאַר אַזאַ ביליגען פּרייז.

די סטודענטען פון דעם סענטער פּאָ-נעוועען שוין אויך אַ צווייטע אונטער-האַלטונג און טאַנץ, שבת אָבענד, דעם 14טען פעברואַר, אין אונזער סענטער, פּאַבליק סקול 40. דאָס וועט ווירקליך זיין אַן אינטערעסאַנטער אָוונד. עס ווע-לען אויסגעפיהרט ווערען פאָלקס-טענץ פון פאַרשידענע נאַציאָנען, באַזונדערס יאַפּאַנעזער טענץ.

קומט אַליין און ברענגט מיט אייע-רע פריינד און באַקאַנטע.

א דזשענעראַל סטרייק פון די הויזדרעס, בעטה-ראָב און קימאָנאָ מייקערס יוניאָן לאָקאַל 41

פאַראַכטמאָגען מיטוואָך פריה זיינען אַרונטער אין אַ דזשענעראַל סטרייק אַלע אַרבייטער פון די הויז דרעסעס, בעטה-ראָב און קימאָנאָ שעפּער פון גרייטער ניו יאָרק. כמעט אין דער אינדוסטריע זיינען באַשעפטיגט פאַרשיעדענע נאַ-ציאָנאַליטעטען, ווייסע און שוואַרצע, אי-דען, איטאַליענער, שפּאַניאָלען, אַראַבער, אַרמעניער און טערקען, — זיינען אַלע אַרונטער מיט דער גרעסטער באַגייסטע-רונג! עס איז ניט פאַרבליבען אפילו איין אַרבייטער ערגעץ אין אַ שאָפּ! אַלע דיעזע אַרבייטער האָבען פאַרלאָזען די שעפּער מיט גרויס ענטריסטונג אין באַ-צוג דער האַנדלונג פון זייערע באַסעס.

מיט איינינע וואָכען צוריק האָט לאָק. 41 גערופען דער אַסאָסיאיישאָן פון דעם טרייד צו אַ קאָנפערענץ. די יוניאָן איז ביי דעם קאָנפערענץ געווען פאַרטראַטען דורך אַ קאָמיטע פון דעם לאָקאַל מיט אונזער דזשענעראַל סעק. באַראָף בראש.

ביי דעם קאָנפערענץ האָט די יוניאָן הויפּטזעכליך געפאָדערט פאַר די אַרביי-טער אַ העכערונג אין שכירות, 5 דאָלאַר אַ וואָך פאַר די וואָך-אַרבייטער און 25 פּראָצענט פאַר די שטיק-אַרבייטער, אי-בער דעם אַלטען „בייסיק רייט". אָבער די הערען פון דער אַסאָסיאיישאָן זיינען געזעסען ביי דער קאָנפערענץ ווי מתים, וואָס האָבען ניט קיין קשענעס... זיי האָבען אפילו ניט געוואָלט זיך דינגען מיט דער יוניאָן, — ניט געענטפערט אפילו אַ סענט!

ווען דאָס איז נאָכדעם באַריכטעט געוואָרען צו דער מעמבערשיפּ זיינען אַלע געווען שטאַרק ענטריסטעט איבער דער חוצפּה פון זייערע בעלי בתים און עס איז גלייך באַשלאָסען געוואָרען אַרונטער צו געהן אין אַ גענעראַל סטרייק. מען האָט נאָר די אַרבייטער אין דעם סטרייק ניט געדאַרפט רופען, — זיי האָבען זיך געריי-סען סטרייקען, ווי צו אַ טאַנץ! די יו-ניאָן האָט זיי קוים געקאָנט פאַר אַ ווײלע צוריק האַלטען, ביז די נויטיגע סטרייק-אַראַנזשמענטס זיינען געמאַכט געוואָרען.

אין פאַרלויף פון דער וואָך, האָבען די סטרייקער געהאַט איינינע מאַס מי-טינגען, וועלכע זיינען אַדרעסירט געוואָ-רען פון סעקרעטער באַראָף, וויס פּרעזי-דענטין פאַניאַ מ. קאָהן, וועלכע איז אַליין אַ מיטגליעד פון דעם לאָקאַל, ברו-דער א. סניידער, אונזער דזשענעראַל אָר-גאַנייזער. ברודער גאָלדשטיין, דער מע-נעדזשער פון לאָקאַל 41 איז פּלוצלונג קראַנק געוואָרען און ברודער סניידער איז גערופען געוואָרען פון באַלטימאָר צו נעהמען אויפזיכט איבער דעם סטרייק. ער איז אין דערזעלבער צייט איצט דער עקטינג מענעדזשער פון דעם לאָקאַל.

צום שלום איז כדאי צו באַמערקען, דאָס אונזער עדיוקיישאָנאַל דעפּאַרט-מענט צייכענט זיך שטאַרק אויס אין דעם סטרייק, באַזאָרגענדיג די סטריי-קער אין די האָלס מיט אינטערעסאַנטע לעקטשורס און גוטע פרייע קאָנצערטען.

עס דאַרף דאָ אויך דערמאָהנט ווע-רען, אַז די באַאַמטע פון אונזער קאַטערס יוניאָן, לאָק. 10 העלפען פיעל מיט דעם סטרייק. די קאַטערס האָבען פאַרלאָזען די שעפּער צוזאַמען מיט די מיידלעך, און אין דעם סטרייק איז אויך באַטייליגט לאָק. 10. ברודער מאַקס גאָרענשטיין, -ער מענעדזשער פון לאָק. 10, איז דער טשערמאַן פון דער סטרייק קאָמיטע.

א סטרייק פון לײדיעס טײלאָרס ביי צוויי פון די גרעסטע פירמען אין ניו יאָרק

די אַרבייטער פון די באַוואוסטע פיר-מען, מילגרים בראָדערס און פון היקסאָן און קאָמפּאַני, זיינען דיעזע וואָך אַרונ-טער אין סטרייק. אָנגעפאַנגען האָט זיך עס אין ביידע שעפּער מיט אַ לאָק-אויט פון אַ געוויסער צאָהל אַרבייטער, און די יוניאָן האָט אויף דעם געענטפערט מיט אַ סטרייק. אַרונטערנעהמענדיג אַלע אַר-בייטער פון דיעזע פירמען.

די געשיכטע איז אין קורצען, ווי פאָלגט:

ביי דער פירמע מילגרים בראָס איז דער לעצטער סיזאָן געווען אַ שלעכטער. כמעט פון נאָוועמבער אָן איז דאָרט ניט געווען גענוג אַרבייט און די אַרבייטער האָבען געאַרבייט בלויז אין „שיפטס", זיך איינטיילענדיג מיט דער אַרבייט צו-ביסלאַך. די פירמע האָט אָבער אין דעם געמאַכט שטערונגען, עס זאָל אויסקומען אַזוי, דאָס מאַנכע אַרבייטער זאָלען באַ-קומען גאַנץ ווייניג אַרבייט, אום אַרויסצו-רופען אַ שטרייט צווישען די אַרבייטער אין שאָפּ. די אונטערשטע שורה איז, דאָס אַלע אַרבייטער האָבען דאָרט ניט גענוג פאַרדיענט, אפילו ווען עס איז געווען אַרבייט, און מיט איינינע וואָכען צוריק, האָבען די אַרבייטער פאַרלאַנגט פון דער פירמע אַ העכערונג אין שכירות. אַ קאָ-מיטע פון די אַרבייטער פון דעם שאָפּ, צוזאַמען מיט'ן פאַרטרעטער פון דער לײ-דיעס טיילאָרס יוניאָן, לאָקאַל 80, ברו-דער כאַזאַנאָוו, האָבען געהאַט וועגען דעם מיט דער פירמע אַ קאָנפערענץ און אויפ-גענומען די פראַגע. די פירמע איז גע-ווען פאַרטראַטען ביים קאָנפערענץ פון דעם איסט סייד דזשאָבער אַהראָן דזשיי ליוויי, וועלכער רעדט און האַנדעלט, ווי ער וואָלט געווען איינער פון דער פירמע, אַ שותף צום געשעפט. הפנים, די שטאָט צאָהלט ניט גענוג די דזשאָבערס און דזשאָבער ליוויי מוז אין דער זעלבער צייט אויך זיין אין די שניידער ביזנעס...

קורץ, דער דזשאָבער האָט צוגעגעבען, אַז די שכירות פון די אַרבייטער דאַרף גע-העכערט ווערען און עס האָט געשיינט, אַז עס וועט צו קיין טראָבעל ניט קומען. ער האָט אָבער נאָכדעם חרטה געקראָגען. עס איז איינגערופען געוואָרען אַ צווייטער קאָנפערענץ און דער רעזולטאַט איז גע-ווען, אַז ווען די קאָמיטע פון די אַרבייטער וואָס האָבען פאַרטראָטען דעם שאָפּ, זיי-נען געגאַנגען פון אָפיס אין שאָפּ, האָט מען זיי אַנטקעגענגעטראָגען זייערע מאַנטלען און קאַפּעלושען און מען האָט זיי געהייסען געהן אהיים. די פירמע האָט, הייסט עס, גאַנץ פשוט אויסגע-שלאָסען די גאַנצע קאָמיטע.

וואָס, אַלזאָ, איז פאַר דער יוניאָן גע-בליבען צו טאָן? — זי האָט דעם גאַנ-צען שאָפּ ערקלערט אין סטרייק.

ביי דער פירמע זיינען באַשעפטיגט אַרום 275 אַרבייטער און זיי זיינען אַלע שטאַרק ענטריסטעט פון דער פירמע'ס האַנדלונג. די יוניאָן איז, נאַטירליך, גאַנץ ענטשלאָסען צו געבען דער פירמע אַלע טראָבעלס וואָס זי האָט זיך געזוכט.

און אויך ביי דער צווייטער פירמע, היקסאָן און קאָמפּאַניע האָט זיך דער סטרייק אָנגעפאַנגען מיט אַ לאָקאַוט.

די פירמע האַלט אויף אין שאָפּ אַ באַזונדער דרעס דעפּאַרטמענט, אין וועל-כען עס זיינען באַשעפטיגט אַרום 60 דרעסמייקערס. עס ווערען דאָרט געמאַכט די טייערסטע „פענסי דרעסעס".

איז זיך די פירמע מישב געווען: וואָס דאַרף זי דאָרטען באַשעפטיגען מענער און צאָהלען זיי אָנשטענדיגע שכירות? זי וועט בעסער אָוועקזעצען מיידלאַך, וועל-כע לאָזען זיך מעהר אויסבייטען. זי האָט אָבער ניט געהאַט דעם מוט צו טאָן אַלעס אָפען. און אפשר האָט די פירמע געדע-כענט „אָפּצונאַרען" דער יוניאָן.

אַלזאָ, די פירמע האָט אָפּגעזאָגט די אַלע דרעסמאַכער, וועלכע, פאַרביי-געהענדיג, זיינען אַלע גוטע, איבערגעגע-בענע יוניאָן-לייט, און האָט צוגעשיקט אַ בריוועל דער יוניאָן, אַז זי גיט אין גאַנ-צען אויף דעם דרעס-דעפּאַרטמענט.

די יוניאָן האָט אָבער באַלד איינגע-זעהן דעם טריק, אַז די פירמע איז דאָ אויסען פּטור צו ווערען פון די גוטע יוניאָן לייט, און האָט גערופען אַ סטרייק פון אַלע אַרבייטער ביי דער פירמע, אין וועלכען דעפּאַרטמענט זיי זאָלען ניט אַרבייטען.

עס ווילט זיך האָפען, דאָס ביידע די-זע פירמען וועלען באַלד איינזעהן דעם טעות וואָס זיי האָבען געמאַכט און וועט לען ווידער שלום מאַכען מיט דער יוניאָן, איידער זיי זאָלען זיך אַליין אָנמאַכען גרויסע געלט פאַרלוסטען, ווי עס איז איי-מער דער פאַל ביי אַ סטרייק. דיזע פיר-מען האָבען שוין געמאַכט וויסען פון ער-פאַרונג, אַז סוף כל סוף גיבען זיי נאָך די גערעכטע פאָדערונגען פון די אַרבייטער, אַז זיי ברענגען דאָס רוב אויף זיך אַליין צרות, צוליעב עפּעס אַ פוסטען קאַפּריז. צו דיזע פירמען ספּעציעל, וועלכע האָבען שוין אַזוי אָפט געהאַט ביי זיך סטרייקס, מעג מען ווירקליך זאָגען: וויפיעל איז דער שיעור זיך אַליין אָפּצונאַרען? זיי האָבען שוין געמעגט וויסען, אַז זיי וועט לען די לײדיעס טײלאָרס יוניאָן ניט ברעכען און זיך ניט זוכען אומזיסטע טראָ-בעל.

דער מיטינג פון לאָקאַל 9 אין קופּער יוניאָן

דער מיטינג פון דער קלאָוק-פיני-שערס יוניאָן לאָקאַל 9, לעצטען שבת ביימאָג אין קופּער יוניאָן איז ניט געווען אַזוי געראָטען, ווי ער האָט געזאָלט און געדאַרפט זיין.

אורזאַכען דערפאַר זיינען דאָ גאַנץ גוטע. ערשטענס, איז געווען אַ שרעק-ליך קאַלטער טאָג, דער פראָסט האָט אַזש געשמאַליעט; צווייטענס, די „פלו", די אינפלוענציע-עפּידעמיע האָט איינגעשראָ-קען דעם עולם, און די פינישערס האָבען הפנים מורא געהאַט אַרויסצוגעהן פון הויז. פון דעם גאַנצען לאָקאַל האָבען זיך איינגעפונען בלויז אַ צוויי הונדערט העלדען, וועלכע האָבען איינגעשטעלט דאָס לעבען... און געקומען צום מיטינג.

ברודער האַלפּערין, דער מענעדזשער פון דעם לאָקאַל, און דער שרייבער פון דיעזע שורות זיינען געווען צווישען די העלדען... עס איז געווען אינטערעסאַנט צו באַמערקען, וואָס צווישען די פּאָר הונ-דערט מענשען, וואָס זיינען דאָך געקומען צום מיטינג, ניט אַכטענדיג אויף דער געפאַהר, איז געווען אַ היבשער פּראָצענט פרויען, וואָס דאָס ווייזט, אַז וואָס אַנ-באַלאַנגט העלדישקייט זיינען זיי ניט פיעל הינטערשטעליג פון די מענער.

און נאָך וואָס. — ניט נאָר איז דער געוועהנליכער עולם צום מיטינג ניט געקומען, נאָר עס זיינען אויך ניט געקומען די אַלע אַנאָנסירטע רעדנער, מיט דער איינציגער אויסנאַהמע פון'ם טשערמאַן, ברודער האַלפּערין. און פאַר דעם איז שוין דאָ נאָך אַן אורזאַכע, אחוץ די „פלו" און דעם גרויסען פראָסט. נעמ-ליך: פאַראַכטאָגען שבת איז געווען אין אַלבאַני די קאָנווענשאָן פון אָרגאַניזא-ציאָנען פאַר די סוספּענדירטע סאָציא-ליסטישע אַסעמבלימען און כמעט אַלע אַנאָנסירטע רעדנער פון דעם מיטינג זיי-נען געווען דעלעגאַטען צו דער קאָנווע-נשאָן.

קורץ, פאַר אַ מיטינג אין קופּער יונ-יאָן איז דאָס געווען אַ ביסעל אַ צו קליי-נער פּובליקום. אָבער ברודער האַלפּע-רין האָט ניט געוואָלט אָוועקלאָזען די מענ-שען, וואָס זיינען געקומען איינגאַנצען מיט לײדיגען, און ער האָט זיי אָפּגעגעבען אַ פולען באַריכט פון די פאַרהאַנדלונ-גען מיט די מאַנופעקטשורערס ביי די קאָנפערענצען וועגען דעם רייז און ווידזשעס, און דער סוף איז געווען, דאָס דער עולם איז פון דעם ניט געהאַלטענעם מיטינג דאָך אָוועקגעגאַנגען גאַנץ צופרי-דען. איינינע האָבען געשטעלט פראַגען אין באַצוג צום רייז און ברודער האַלפּע-רין האָט געענטפערט צו אַלעמענס צו-פרידענהייט.